השלמה משנת תשפ"ג

מכון מעדני מלך וויען

# שיחות קודש

## של כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

יוצא לאור על ידי מכון מעדני מלך וויען

**פרשת וישלח משנת תשפ"ג לפ"ק**

### בסעודת הברית של בן הר"ר שמעון רובין הי"ו

יום א' פרשת וישלח תשפ"ג לפ"ק

**'וישלח** יעקב מלאכים לפניו אל עשו אחיו' (בראשית לב-ד). אין מפרשים שטייט, א מענטש טוט א מצוה ווערט באשאפן דערפון א מלאך, וואס ער איז א פרקליט פאר'ן מענטש. יעקב אבינו האט דאך מקיים געווען אלע מצות התורה, ותרי"ג מצות שמרתי (רש"י שם פסוק ה), האט ער גענומען די מלאכים וואס זענען באשאפן געווארן פון זיינע מצות, האט ער גענומען פון די מלאכים וואס זענען באשאפן געווארן פון זיינע מעש"ט, זיי זאלן זיין פאר אים א מליץ, און זיי האט ער געשיקט צו עשו.

**שטייט** אין **אוהב ישראל** (ד"ה וישלח), אז ער האט גענומען די מלאכים וואס זענען באשאפן געווארן פון זיין מצות מילה. 'ו'ישלח י'עקב מ'לאכים ל'פניו איז די ר"ת 'וימל'. אין מדרש (ילקוט שמעוני בשלח רלד) שטייט, אז ווען אידן זענען אדורכגעגאנגען דעם ים סוף, האט דער מלאך גבריאל געזאגט, די וואסער וואס איז לפניו זאל גיין אין די זייט, ווייל אידן זענען מקיים מצות מילה וואס איז 'לפניו'. 'וישלח יעקב מלאכים' וואספארא מלאכים האט ער געשיקט, 'לפניו', פון די וואס זענען באשאפן געווארן פון מצות מילה.

**וואס** אין פשטות פארוואס יעקב אבינו האט אויסגעקליבן מצות מילה מער ווי אלע אנדערע מצות, אז פון די מלאכים וואס זענען באשאפן געווארן פון די מצוה, האט ער געשיקט אקעגן עשו? ווייל עס ווערט געברענגט (דעת זקנים שם כה-כה בשם המדרש), אז עשו האט נישט מקיים געווען מצות מילה, בשעת ער איז געבוירן געווארן איז ער געווען 'אדמוני' (שם כה-כה), און דער פאטער האט געטראכט אז לא נפל בו דמו. צוויי ערליי קינדער מל'ט מען נישט, א ירוק מיט א אדמוני (יו"ד רסג-א). שפעטער ווען ער איז עלטער געווארן האט יצחק שוין געוואלט ווארטן ביז ער וועט ווערן בר מצוה, און ער וועט אים דעמאלטס מל'ן, אבער דעמאלטס האט שוין עשו נישט געוואלט, און ער איז געבליבן א ערל, ער איז נישט גע'מל'עט געווארן.

**עשו** האט געהאט א זכות די מצוה פון כיבוד אב (ב"ר סה-טז), וואס דאס האט געפעלט ביי יעקב אבינו (מגילה טז:). און די כיבוד אב פון עשו איז געווען אויף אן אויסער געוועגליכען גרויסע מדריגה, עס שטייט אין מדרש (שם) רבי שמעון בן גמליאל האט געזאגט, אז איך האב זייער שטארק באדינט מיין טאטען, אבער עס איז נישט צוגעקומען צו א הונדערט'סטל וויפיל עשו האט באדינט יצחק אבינו. ווען ער פלעגט אריינצוגיין צום פאטער האט ער זיך אייביג אנגעטון בגדי מלכות, ווייל ער גייט יעצט אריין צום טאטען.

**קומט** אויס די מצוה האט געפעלט פאר יעקב. האט יעקב געשיקט מלאכים פון די מצוה וואס עשו האט נישט. מצות מילה האט ער מקיים געווען, עשו איז אויך געווען מחויב, אבער ער האט עס נישט מקיים געווען, ממילא וועט דאס זיין א מליץ פאר אים.

**עס** קען אפשר זיין אז עס ליגט נאך א נקודה דערין. די מצוה פון מילה וואס דער אויבערשטער האט אונז געגעבן איז דאך דא כמה טעמים דערויף. וויפיל אונז פארשטייען יא. בעצם איז דאך דאס א חוק וואס אונז פארשטייען נישט. אין זוהר הק' (זו"ח לג:) שטייט אז דער טעם דערפון איז, אזויווי יעדער מלך מאכט א געוויסע זאך פאר זיינע קינדער אז מען זאל דערקענען אז זיי זענען בני מלכים, ממילא אונז זענען דאך בני מלכים פונעם אויבערשטער, האט דער באשעפער געמאכט א חותם אין יעדן איד אונז זאלן געדענקען אונז זענען קינדער פון באשעפער.

**קומט** אויס די מצוה פון מילה וואס אידן זענען מקיים איז ווייל אונז זענען בנים למקום. אונז זענען קינדער פונעם אויבערשטן, און א בן מלך האט א אות אויף זיך אז ער איז א בן מלך.

**מצות** מילה לערנט אונז, אז אונז זענען קינדער פונעם אויבערשטן, קומט דאך אויס ווען אונז זענען מכבד דעם אויבערשטן, מיר טוען די מצות פונעם באשעפער, זענען אונז אויך מקיים מצות כיבוד אב. ווייל דער אויבערשטער איז דאך אונזער טאטע. די מצות מילה ווייזט אז דעפאר האבן מיר א חותם, ווייל אונז זענען בנים למקום. איז ביי יעדע מצוה וואס א איד איז מקיים, איז אויסער די מצוה וואס ער איז מקיים וואס די תורה האט געהייסן, ליגט דערין אויך די מצוה פון כיבוד אב.

**און** אז יעקב אבינו האט מקיים געווען כל התורה כולה, האט ער מקיים געווען כיבוד אב אויך. ער האט נישט מקיים געווען כיבוד אב פונעם גשמיות'דיגן טאטען, אבער ער האט מקיים געווען כיבוד אב וואס אני והוא חייבים בכבודי (ע"פ יבמות ו.), יצחק אליין איז דאך אויך מחויב אין דעם כיבוד אב.

**דערפאר** האט יעקב אבינו געשיקט צו עשו די מלאכים וואס זענען באשאפן געווארן פון מצות מילה, כדי אים צו זאגן מיט דעם, דו עשו האסט דאך די חשיבות פון כיבוד אב, איך האב אבער אויך כיבוד אב, איך האב מקיים געווען מצות מילה, וואס ווייזט אז אונז זענען בנים למקום, און אז אונז זענען בנים למקום האבן אונז אויך די מצוה פון כיבוד אב, אפילו ווען מען האט נישט מכבד געווען דעם גשמיות'דיגער פאטער, ווייל ער האט אים נישט געקענט מכבד זיין די יארן וואס ער איז נישט געווען צוזאמען מיט אים.

*

**דורכדעם** וואס א איד פירט זיך אויף ערליך, איז ער מקיים כיבוד אב ביי יעדע מצוה וואס ער טוט. 'וְאִם אָב אָנִי' זאגט דער נביא (מלאכי א-ו), 'איה כבודי' רעדט זיך אפ דער אויבערשטער. דער באשעפער איז אונזער 'אב', און מיר זענען זיינע בנים, ביי יעדע מצוה איז משכרתה כפולה, ווייל עס איז א דאפעלטע מצוה, עס איז דא ביי יעדע מצוה אויך די מצוה פון כיבוד אב.

## נסיעה למקומות הקדושים עם תומכי ונדיבי לבנין החדש דישיבתינו הק' מתיבתא נחלת יעקב בסעודה לפני עליה לציון הרה"ק רבי אלימלך מליזענסק זיעועכי"א

יום ה' פרשת וישלח תשפ"ג לפ"ק

**אונז** דארפן צו געבן א שבח והודאה פאר'ן אויבערשטן, אז מיר האבן זוכה געווען זיך צו געפונען דא במקום קדוש, סמוך ונראה צום הייליגן ציון פון הייליגן **רבי'ן רבי אלימלך**, צדיקים האבן געזאגט גרויסע זאכן, וואס מען קען אלס פועל'ןביים ציון הק'. 'מה נורא המקום הזה, אין

זה כי אם בית אלקים וזה שער השמים' (בראשית כח-יז). 'מה נורא המקום הזה' עס איז א פארכטיג פלאץ, דער הייליגער **רבי ר' אלימלך** האט געדינט דעם אויבערשטן דא, 'אין זה כי אם בית אלקים' - דאס איז נישט נאר א בית אלקים, נאר 'וזה שער השמים', עס איז א שער פאר אלע תפלות ארויפצוגיין אין הימל, די הייליגע תפילות פונעם **רבי'ן ר' אלימלך** וואס האט מתפלל געווען און גע'פועל'ט אויף דורות שפעטער. דער הייליגער **רבי ר' אלימלך זי"ע** פלעגט אלץ צו זאגן, אז זיין עבודה איז נישט פאר זיך און נישט פאר זיין דור, עס איז פאר אלע דורות ביז משיח וועט קומען (ראה נתיב מצותיך להרה"ק מקאמארנא זי"ע שביל האמונה ד-ה).

**איך** האב געהערט פון מיין **טאטען זכרונו לברכה**, וואס ער האט נאכגעזאגט וואס ער האט געהערט פון זיין זיידן **שימלויער רב זצ"ל** וואס האט עס נאכגעזאגט פון זיין זיידן דער **קול אריה זי"ע** (הובא בטיול בפרדס על אגרת הטיול חלק הרמז ערך תשובה). דער **קול אריה** פלעגט צו נאכזאגן, אז דער הייליגער **רבי ר' אלימלך** האט געזאגט, אז ער האט מקבל געווען אויף זיך אזויפיל סיגופים אין זיין לעבן, אז עס איז גענוג פארן גאנצן כלל ישראל! ער האט צוגעגעבן, אז אזויפיל האט ער אויפגעטון, אז א איד וועט וועלן תשובה טוען וועט אים גרינג אנקומען, ער וועט נישט דארפן אדורכגיין די אלע סיגופים.

**מיר** האבן די זכיה צו קומען צום הייליגן ציון פון **רבי'ן ר' אלימלך**, דער זיידע דער **שימלויער רב** פלעגט זאגן אז זיין זיידע דער קול אריה האט געזאגט, אז עס איז ביי אים די ווארט פון הייליגן **רבי'ן ר' אלימלך** אזויווי א תוספתא מופרשת! (טיול בפרדס שם), אזוי קראנט איז געווען ביי אים די ווארט פון הייליגן **רבי'ן ר' אלימלך**.

**מען** ווייסט דאך אז דער ציון פון **רבי'ן ר' אלימלך** איז מסוגל לתשובה (ראה עטרת מנחם להרה"ק הרמ"מ מרימינוב זי"ע אות קז), סיגופים האט דער הייליגער **רבי ר' אלימלך** שוין געמאכט, אונז דארפן מיר נאר צושטעלן דערצו אונזערע תפילות און תשובה, וועט עס ווערן אנגענומען אויבן אין הימל.

**'תפילה'** האט אסאך לשונות פון דאווענען. עשרה לשונות שטייט אין מדרש (ספרי ואתחנן פכ"ו) איז דא אויף תפילה. איינע פון די לשונות פון תפלה, איז 'שיחה', אין שיחה אלא תפילה (ברכות כו:), 'ויצא יצחק לשוח בשדה' (בראשית כד-סג), 'שיחה' דאס איז א לשון פון דאווענען. וואס איז דער ענין פון אין שיחה אלא לשון תפילה?

**דער** הייליגער **רבי ר' אלימלך** שרייבט אין פרשת שופטים (ד"ה א"י שופטים), אז עס איז דא צדיקים וואס זיי דארפן אפילו נישט דאווענען, א דיבור פון זייער מויל וואס גייט ארויף ווערט אנגענומען ביים אויבערשטן כאילו מען האט מתפלל געווען, עס איז נישט וויכטיג אפילו צו דאווענען ממש, זיי זענען שוין צוגעקומען צו אזא מדריגה אז זייערע דיבורים אליין איז שוין אזויווי א תפילה. לויט דעם איז דער פשט כפשוטו, 'אין שיחה אלא תפילה', אמאל איז מען אין א מדריגה, אז מען דארף שוין נישט ממש דאווענען, עס איז גענוג אפילו נאר שיחה, אפילו מען רעדט נאר האט עס אויף דעם כח אזויווי מען דאווענט.

**קען** אפשר זיין לענינינו, מיר זיצן דאך דא אין ליזענסק, דער הייליגער **רבי ר' אלימלך זי"ע** שרייבט די וואך (וישלח ד"ה א"י וישלח), 'כה תאמרון לאדוני לעשו, כה אמר עבדך יעקב עם לבן גרתי ואחר עד עתה' (שם לב-ה), ער שטעלט זיך, די ווערטער האט ער דאך געזאגט פאר די מלאכים, 'כה תאמרון' - אזוי זאלט עטץ זאגן 'לאדוני לעשו', און נאכדעם האט ער זיי געזאגט וואס זיי זאלן זאגן פאר עשו. וואס האט ער זיי געדארפט זאגן 'לאדוני'? ווען מען רעדט צו עשו דארף מען זאגן 'אדוני', אבער ער האט דאך יעצט גערעדט צו די מלאכים, 'כה תאמרון' - אזוי זאלט עטץ זאגן, איז וואס האט ער אים געדארפט באטיטלען ווען ער רעדט צו די מלאכים 'לאדוני לעשו'?

**זאגט** דער הייליגער **רבי ר' אלימלך**, אז יעקב אבינו בשעת ער האט גערעדט צו די מלאכים פאר זיי זענען געגאנגען צו עשו, איז יעדע דיבור וואס ער האט געזאגט איז געווען א דיבור וואס ער האט גערעדט אויף די וועלט וואס איז שייך פאר עשו, אבער אין יעדן ווארט איז געווען אריינגעלייגט א תפילה אויף פארן אויבערשטן וואס ער האט מתפלל געווען. צדיקים, אין יעדן

דיבור וואס זיי זאגן איז אפילו ווען זיי רעדן פשוט'ע ווערטער אויף דעם עולם, טוען זיי מלביש זיין דערין א ענין פון תפילה פאר'ן אויבערשטן. אזוי אויך שטייט אין **עבודת ישראל** (אבות ו-א), 'שנו חכמים בלשון המשנה' (שם), משנה איז א לשון פון דאפעלט, די חכמים רעדן, רעדן זיי בלשון משנה, עס איז א געדאלפטע לשון, עס איז א לשון וואס מען רעדט, עס קוקט אויס סתם ווי דברים פשוטים, אבער אינעווייניג ליגט א תפלה פאר'ן אויבערשטן.

**אויף** די ווערטער 'עם לבן גרתי ואחר עד עתה' (בראשית שם), זאגט רש"י צוויי פשטים, 'עם לבן גרתי' - איך בין א גר, עס איז נישט נתקיים געווארן די ברכה וואס דער טאטע יצחק האט מיר געגעבן, עס איז 'לא מן השמים ולא מן הארץ, אינך כדי לשנוא אותי על ברכות אביך שברכני' (לשון רש"י שם), דאס איז געווען דער שמועס וואס מען דארף איבערגעבן פאר עשו, 'עם לבן גרתי', האסט נישט וואס מיר מקנא צו זיין אויף די ברכות, עס איז נישט מקויים געווארן ביי מיר. אבער די זעלבע ווערטער 'עם לבן גרתי' האט ער גערעדט 'לאדוני' - האט ער גערעדט צום אויבערשטן, 'עם לבן גרתי' - ותרי"ג מצות שמרתי ולא למדתי ממעשיו הרעים (רש"י שם), אין דעם זעלבן ווארט אליין, 'עם לבן גרתי' ליגט א ווארט 'לאדוני' – צום אויבערשטן, און עס ליגט דערין א ווארט וואס ער האט געזאגט פאר עשו'ן. 'כה תאמרון לאדוני לעשו' ער האט געזאגט פאר די מלאכים, ווען מען רעדט זאלט עטץ וויסן אז עס איז דא צוויי פאר וועם מען זאגט די ווערטער, עס איז דא איינס וואס מען זאגט 'לאדוני' - איינס גייט פאר'ן אויבערשטן, און להבדיל איינס גייט 'לעשו'.

**'אין** שיחה אלא לשון תפילה', עס איז דא אמאל וואס מען רעדט, און בעצם די שיחה אליין קוקט אויס ווי עס איז נאר א שיחה, א שיחה בעלמא, אבער שיחות חולין של תלמידי חכמים צריכין לימוד (עבודה זרה יט:), אין דעם שיחות חולין אליין ליגט 'לאדוני', די זעלבע ווערטער 'עם לבן גרתי' וואס מען רעדט צו עשו, אין די זעלבע צייט רעדט מען צום אויבערשטן אויך. דאס איז 'אין שיחה אלא לשון תפילה', איינע פון די לשונות פון תפילה איז, שיחה, אפילו עס קוקט נאר אויס אזוי' א שמועס, פונדעסטוועגן דאך ליגט דערין אויך א כח פון תפילה.

**עס** קען זיין, עס איז דא א ענין פון 'אין שיחה אלא לשון תפילה', א קינד קומט צום טאטען און ער האט א פראבלעם און ער דארף זיך זעהן אן עצה צו געבן, זעצט מען זיך אראפ ביים טיש און מען שמועסט זיך אויס, בעט נישט, נישט קיין תפילות, עס איז א שמועס, טאטע עס פעלט מיר דאס, וואס קענסטו מיר העלפן? וואס קענסטו מיך מייעץ זיין? וואס קענסטו מיר א עצה צוגעבן איך זאל טוען? און דער טאטע איז זיך מתבונן וואס ער קען יא טוען, וואס ער קען נישט טוען, אפילו ער ענטפערט אים נישט יעצט וועט ער ענטפערן שפעטער. נישט אייביג איז א מענטש דערביי אז ער קען געהעריג מתפלל זיין, תפילה איז דאך א הויכער ענין, 'נפתולי אלקים נפתלתי' (בראשית ל-ח ובתרגום אונקלוס וברש"י שם), מען ווערט דורכדעם ממש צוגעבינדן צום אויבערשטן, תפילה איז דביקות, און דערפאר ווערט עס אנגערופן מיט די לשון פון 'תפילה'.

**עס איז דא אמאל וואס אפילו מען איז נישט דערביי אז מען זאל קענען געהעריג דאווענען, אבער זיך אויסשמועסן קען מען! מען קומט אויף א ציון פון א צדיק, מען זעצט זיך אראפ מען איז מתפלל, אפילו עס איז נאר א שיחה בעלמא, מען שמועסט זיך אויס וואס איך דארף צו האבן, און דאס איז נאך א ענין פון תפילה. דאס איז 'אין שיחה אלא לשון תפילה,' עס איז דא אמאל וואס דער לשון פון תפילה איז א שיחה בעלמא, זיך אויסשמועסן וואס ער קען זיך אויסשמועסן, אין וואספארא מדריגה מען זאל נאר זיין, יעדער איינער האט זיך זיין פעקל, עס קוועטשט אים אויפן הארץ, נישט אייביג קען מען עס ארויסגעבן מיט א געהעריגע תפילה, אבער שיחה דאס קען מען, זיך אויסשמועסן מיטן אויבערשטן. און בפרט ביי א ציון פון א צדיק, דער צדיק זאל זיין א מליץ יושר אויף אלעם וואס אונז דארפן צו האבן, 'אין שיחה אלא תפילה' – שמועסן מיטן אויבערשטן דאס איז שייך ביי יעדן איינעם.**

*

**דער** איבערשטער העלפט אז מען קומט זיך צוזאם מתפלל זיין ביים ציון הק' פאר אונז אלע, מען האט איבערגעלאזט די שטוב, און מען איז אוועקגעגאנגען מקדיש זיין די טעג פאר תפילה, זאל דער איבערשטער העלפן די תפילות זאל נתקבל ווערן לרחמים ולרצון, אז מען זאל קענען פארציילן יעדער איינער וואס ער האט אויפגעטון אלץ מיט די תפילות, און וואס ער האט אלס גע'פועל'ט, מיט וואס ער איז אהיים געגאנגען, וואס ער האט מיטגענומען מיט זיך פון די תפילות. עס זאל נתקבל ווערן אלע אונזערע תפילות לרחמים ולרצון, אונז זאלן אלע געבענטשט ווערן מיט בני חיי ומזוני, פרנסה, געזונט, קינדער, נחת פון די קינדער, קענען ערציען אין היינטיגע צייטן ערליכע אידישע דורות, אין זכות וואס אונז זענען מתפלל ביים ציון הק' פונעם הייליגן **רבי'ן ר' אלימלך** וואס האט אזויפיל געטון פאר'ן גאנצן כלל ישראל, ער האט זיך מסגף געווען פאר גאנץ כלל ישראל.

**דער קאמארנער** זי"ע שרייבט (נתיב מצותיך שם), אז ער האט געהערט פון זיין שווער, וואס האט געהערט מפיו הקדוש פונעם הייליגן **רבי'ן ר' אלימלך**, עס איז זייער קראנט, ער האט געזאגט אז אלע חבלי משיח וואס שטייט אין חז"ל האט ער מיט זיינע כוחות שוין מבטל געווען, און ער שרייבט דארט אז דער **רבי ר' אלימלך** האט געזאגט אז עס איז אים א פלא אז די חכמים ונביאים האבן נישט געזעהן און נישט געוואוסט אז עס וועט קומען א מיילעך וואס ער וועט מבטל זיין די אלע חבלי משיח. און וויפיל חבלי משיח וואס אונז האבן מיטגעמאכט אינעם לעצטן דור, אבער מען קען זיך שוין פארשטעלן וואס עס וואלט געווען, ווען ער וואלט נישט מבטל געווען די חבלי משיח.

**זאל** דער איבערשטער געבן מען זאל שוין אויסגעלייזט ווערן פון גלות. יעדער איינער זאל קענען זיך צוריק קערן, אפילו 'כי אדם אין צדיק בארץ אשר יעשה טוב ולא יחטא' (קהלת ז-כ). אבער אז מען איז אויף א פלאץ ווי מען קען מתפלל זיין אויפצוטון אויף די וועלט וואס מען דארף אויפצוטון, און צוקומען צום תכלית פונעם לעבן, און זיך קענען צוריקקערן צום אויבערשטן, און קענען זיין דבוק אין מצות ומעש"ט. אונז אלע זאלן זוכה זיין אהיימגיין מיט א גאנצן אוצר פון ברכות און ישועות, און מען זאל זוכה זיין אז אלע זאלן געבענטשט ווערן יעדער איינער מיט וואס ער דארף האבן, דער באשעפער זאל ממלא זיין כל משאלות לבבנו לטובה, און אונז זאלן זוכה זיין אינאיינעם אקעגן צוגיין משיח צדקינו בב"א.

## דברות קודש בסעודת רעוא דרעוין אצל "שבת ותומכיה מאושר" בעיר פרעשבורג

פרשת וישלח תשפ"ג לפ"ק

**אין** די פרשה די וואך פארציילט די תורה הקדושה וויאזוי יעקב האט זיך געדארפט טרעפן מיט עשו, און ער האט פאר דעם מתפלל געווען 'הצילנו נא מיד אחי מיד עשו, כי ירא אנכי אותו, פן יבוא והכני אם על בנים' (בראשית לב-יב), אפשר וועט עשו קומען מיך שלאגן מיט די מאמעס און די קינדער, ער איז געווען דארטן מיט די גאנצע משפחה, האט ער מתפלל געווען 'הצילנו נא מיד אחי מיד עשו', 'ואתה אמרת היטב איטיב עמך' (פסוק יג), האסט מיר דאך צוגעזאגט דו וועסט מיר גוטס טון.

**פאר** די תפלה, בעפאר ער האט אנגעהויבן צו בעטן 'הצילנו נא מיד אחי מיד עשו', האט ער מקדים געווען קודם נאך א שורה, 'קטנתי מכל החסדים ומכל האמת אשר עשית את עבדך', איך בין קליין פון די אלע חסדים ואמת וואס דער אויבערשטער האט מיט מיר געטון, 'כי במקלי עברתי את הירדן הזה', איך בין אריבערגעגאנגען דעם ירדן מיט דעם שטעקן איך האב נישט געהאט גארנישט נאר דעם מקל, 'ועתה הייתי לשני מחנות' (פסוק יא), אבער יעצט בין איך

צוואוקסן איך האב צוויי מחנות. אין די גמרא שטייט (ברכות ד.) פשט אויף די הקדמה וואס ער האט מקדים געווען 'קטנתי מכל החסדים', לכאורה וואס האט ער געדארפט מורא האבן, דער אויבערשטער האט דאך אים צוגעזאגט אז 'אנכי עמך' (שם כח-טו), ווען ער איז געווען ביים הר המוריה און ער האט געזעהן די מראה פון דעם חלום, האט אים דער אויבערשטער צוגעזאגט 'איך וועל זיין מיט דיר, 'והשיבותיך אל האדמה הזאת' - און איך וועל דיך צוריק ברענגען צו דעם פלאץ', האט ער דאך געהאט אן הבטחה פונעם אויבערשטן, אז דער באשעפער וועט זיין צוזאמען מיט אים, איז פארוואס האט ער געדארפט מורא האבן?

**זאגט** די גמרא, שמא יגרום החטא. אמת ער האט אן הבטחה, אבער מען קען זיך נישט פארלאזן אויף אן הבטחה אפילו פונעם אויבערשטן, ווייל טאמער איז דא א חטא וואס קומט אריין אינדערמיט, דער מענטש האט זיך געטוישט פון דעם מצב פון ווען ער האט באקומען די הבטחה, איז מעגליך אפילו מען האט צוגעזאגט פאר יעקב'ן אן הבטחה, אבער עס קען זיך טוישן שמא יגרום החטא. און אפילו ער האט דאך אייגענע זכותים אויך, אבער 'קטנתי מכל החסדים ומכל האמת', מיינע אייגענע חסדים האב איך אויך שוין אויסגענוצט, ווייל 'במקלי עברתי את הירדן הזה', און יעצט האב איך 'שני מחנות', איך קען זיך נישט פארלאזן נישט אויף מיינע אייגענע זכותים, און אויך קען איך זיך נישט פארלאזן אויף די הבטחה וואס דער אויבערשטער האט מיר געגעבן, ממילא מוז איך מתפלל זיין 'הצילני נא מיד אחי מיד עשו'.

**עס** קען אפשר זיין נאך אן ענין אין דעם וואס ער האט מקדים געווען דעם 'קטנתי מכל החסדים'. די מפרשים (ראה פירוש הטור) שטעלן זיך אויף נאך א קשיא, ער האט געזאגט 'כי במקלי עברתי את הירדן הזה' - דעם ירדן בין איך אדורכגעגאנגען מיט דעם שטעקן, ער איז נישט געווען דעמאלטס ביים ירדן, ער איז נאך נישט אריינגעקומען אין ארץ ישראל, ווען ער האט געשיקט מלאכים אל עשו, ער האט נישט געוואוסט וואו ער איז, 'וישלח יעקב מלאכים לפניו אל עשו אחיו ארצה שעיר שדה אדום' (שם לב-ד), און פארוואס האט ער געזאגט 'כי במקלי עברתי את הירדן הזה', עס איז נישט דער 'זה' ער איז נישט דא יעצט, ער איז נישט געשטאנען ביים וואסער בשעת ער האט געבעטן די תפילה?

**טייל** ראשונים זאגן (שם), אז דער 'הזה' גייט ארויף אויף 'במקלי', כאילו עס וואלט געשטאנען אין פסוק 'כי במקלי הזה' מיט דעם שטעקן וואס איך האב, דעם מקל האט ער דאך יא געהאט ביי זיך, 'עברתי את הירדן' בין איך אריבערגעגאנגען דעם ירדן. אבער בפשטות אין פסוק קוקט דאך אויס אז ווען ער האט געזאגט 'את הירדן הזה' איז ער געשטאנען פאר דעם ירדן.

**שפעטער** אין די פרשה, 'ויאבק איש עמו' (שם פסוק כה), דער מלאך האט זיך געטראפן מיט אים, און ער האט זיך געראנגלט מיט אים, צום סוף האט אים דער מלאך געבעטן, ער זאל אים אוועקשיקן ער זאל אים לאזן גיין, האט יעקב אבינו אים געזאגט 'לא אשלחך כי אם ברכתני' (פסוק כז). דער מלאך האט אים געזאגט הגיע זמני לומר שירה, פון ווען איך בין באשאפן געווארן האב איך נישט געזאגט קיין שירה פאר'ן אויבערשטן, יעצט ווען איך בין פארנומען מיט דיר דא, יעצט האט מען אויסגערופן אז איך דארף גיין זאגן שירה, לאמיך גיין זאגן שירה (חולין צא:). און יעקב האט אים געזאגט, ניין, איך לאז דיך נישט אוועקגיין ביז דו וועסט מיר נישט געבן א ברכה, און ער האט געבענטשט, 'לא יעקב יאמר עוד שמך כי אם ישראל, כי שרית עם אלקים ועם אנשים ותוכל' (פסוק כט).

**האט** ער אים צוריק געפרעגט, וואס איז דיין נאמען? האט ער געזאגט 'למה זה תשאל לשמי' וואס האסטו צו פרעגן מיין נאמען, 'ויברך אותו שם'. די מפרשים שטעלן זיך שוין, יעצט איז הגיע זמני לומר שירה, פונקט ווען ער האט צו טון יעצט מיט יעקב דא אונטן און מען קריגט זיך ארום 'ויאבק איש עמו', יעצט דארף ער גיין זאגן שירה אויבן אין הימל, און ער בעט לאמיך צוריק גיין, איך וויל נישט פארפאסן דעם זמן פון זאגן שירה?

**נאכדעם** האט ער אים געפרעגט וואס איז דיין נאמען? האט ער געזאגט 'למה זה תשאל לשמי'. וואס איז דער ענין ער האט אים געפרעגט זיין נאמען, און ער האט אים געזאגט 'למה זה תשאל לשמי', אזוי אויך דארף מען פארשטיין פארוואס ער האט אים יעצט א נאמען געגעבן 'ישראל'.

**אין זוהר הק'** (ח"א קע.) שטייט, אז דער 'איש' איז געווען שרו של עשו, דער מלאך איז געווען דער שר פון עשו וואס זיין נאמען איז סמא"ל, מיט דעם שר האט זיך יעקב אבינו געקריגט. אין פרקי דר' אליעזר (פרק ל"ז) שטייט, אז דער מלאך וואס האט זיך געקריגט מיט אים האט געהייסן 'ישראל'. דאס איז טייטש, אז דער שרו של עשו נעמט צוזאם ביידע צוזאמען, דער שרו של עשו וואס אויסער זיין נאמען פון ס"מ הייסט ער 'ישראל' אויך, און ער האט אים איבערגעגעבן זיין נאמען, ער האט אים געזאגט פון היינט אן 'לא יעקב יאמר עוד שמך כי אם ישראל, כי שרית עם אלקים ואנשים ותוכל'. די מפרשים שטעלן זיך, 'ישראל' איז דאך גאר א גרויסער נאמען, 'כי שרית עם אלקים ואנשים ותוכל', און דא זאגט מען אז דער מלאך וואס האט זיך געקריגט מיט יעקב'ן האט געהייסן 'ישראל', וואס איז די גרויסע גליק אז דער שרו של עשו האט איבערגעגעבן זיין נאמען פאר יעקב?

**קען** אפשר זיין דער ענין, מען געפינט ווען יעקב איז געבוירן געווארן צוזאמען מיט עשו 'ויתרוצצו הבנים בקרבה, ותאמר אם כן למה זה אנכי, ותלך לדרוש את ה"' (בראשית כה-כב). וואס איז געווען די 'ויתרוצצו הבנים'? זאגט רש"י, אז זי איז אדורכגעגאנגען ביי א פתח פון א בית המדרש איז יעקב מפרכס לצאת, און ווען זי איז דורכגעגאנגען ביי פתחי עבודה זרה איז עשו מפרכס לצאת, זי האט נישט געוואוסט מה תהיה בסופו וואס דא גייט פאר. ביז זי איז געקומען צו שם, און ער האט איר געזאגט אז 'שני גוים בבטנך וכו', ולאום מלאום יאמץ ורב יעבוד צעיר' (שם פסוק כג וברש"י). דאס דארף אויך האבן א ביאור, וואס האט רבקה געטראכט ווען זי האט געזעהן אז 'ויתרוצצו הבנים בקרבה', זי האט געזעהן איין קינד וויל ארויסגיין ווען מען גייט דורך פתחי עבודה זרה, און אויך ווען מען גייט דורך על פתחי בית המדרש, און דאס איז דאך נישט נארמאל, אז דאס זאל זיין ביי איין מענטש, ווייל דער וואס גייט אין בית המדרש דער גייט נישט צו פתחי עבודה זרה, און ווער עס גייט צו פתחי עבודה זרה גייט נישט אין בית המדרש. און אז א מענטש זאל האבן צווילינג, איז דאך א נארמאלע זאך, טויזנטער מענטשן האבן צוויי קינדער, פארוואס איז איר נישט איינגעפאלן אליין, אז זי האט צוויי קינדער, 'שני גוים בבטנך', און איינער וויל גיין אין בית המדרש און איינער וויל גיין אין בית עבודה זרה, זי האט געדארפט גיין צו שם אויסצוגעפינען די גרויסע חכמה אז עס קען זיין 'שני גוים בבטנך'? פארוואס האט זי עס נישט אליין פארשטאנען אז עס איז דא א קינד אזוי און א קינד אזוי?

**נאר** דער ענין דערפון איז, אוודאי האט זי געוואוסט אז עס קען זיין אז זי האט צוויי קינדער, איינס איז א וואויל קינד ער וויל גיין אין בית המדרש א יעקב, און זי האט אויך א קינד עשו, וואס ער איז מפרכס לצאת לעבודה זרה, דאס איז מציאות, זי איז געקומען פון א שטוב פון עובדי עבודה זרה, א טאטן בתואל און א ברודער לבן, זי האט געקענט די גאנצע ארום און ארום, זי האט געוואוסט אז עס איז דא גוטס און עס איז דא שלעכטס.

**זי** האט אבער געהאט אן אנדערע קשיא וואס זי האט נישט פארשטאנען. זי איז געווען אן עקרה און זי האט נישט געקענט האבן קיין קינדער, דער אויבערשטער מאכט א נס און ער געבט איר קינדער. דאס איז א נס אז דער אויבערשטער געבט מיר קינדער, איין קינד זאל גיין אין ביהמ"ד, און איך וועל אויך האבן א קינד וואס גייט לעבודה זרה? אויף דעם האט דער אויבערשטער געדארפט מאכן א נס אז איך זאל קענען האבן קינדער? זי האט נישט פארשטאנען ווי עס קומט צו אן עקרה וואס דארף געהאלפן ווערן חוץ לדרך הטבע זאל דער אויבערשטער צושיקן אז עס זאל קענען זיין אז זי זאל האבן איין קינד וואס וועט גיין לעבודה זרה, איך בין דאך אן עקרה איך דארף א קינד, געב מיר אן ערליך אידיש קינד, געב מיר א יעקב. פארוואס האט דער אויבערשטער

געמאכט אז סיי יעקב און סיי עשו זאלן זיין בבטנה? — דאס האט זי נישט פארשטאנען.

**'ותאמר** למה זה 'אנכי', פארוואס האט דאס פאסירט ביי 'אנכי' - ביי מיר, איך בין דאך אן עקרה, און איך קען דאך נישט האבן קיין קינדער, און דער אויבערשטער האט געמאכט יעצט א נס איך זאל האבן קינדער, פאר וועם? פאר א קינד אן עשו? פאר אים דארף דער אויבערשטער מאכן א נס? א ישועה וואס קומט בדרך הטבע דאס קומט פון שם אלקים, 'אלקים' איז בגימ' 'הטבע', א ישועה וואס קומט פון שם הוי' דאס איז בדרך נס. 'ותלך לדרוש את הוי"' - זי איז געגאנגען דורש זיין ווי קומט א ישועה וואס קומט פון חוץ לדרך הטבע וואס קומט פון 'הוי"', ווי קען דאס זיין? — איז זי געגאנגען צו שם ער זאל איר מסביר זיין פשט דערפון.

**האט** שם איר געזאגט אזוי, יא אלעס איז, ביידע זענען פונעם אויבערשטן, בדרך נס האט דער אויבערשטער געגעבן א יעקב און ער געבט דיר אויך אן עשו. ווייל דער צורך פון א יעקב איז אז ער דארף האבן א עשו קעגן זיך. יעקב זאל געבוירן אן 'איש תם יושב אהלים' (כה-כז) - דאס אז פון ווען ער ווערט געבוירן איז ער מפרכס צו גיין אין בית המדרש, אזעלכע קינדער איז נישט קיין חידוש וואס דער אויבערשטער דארף האבן אויף די וועלט, אזעלכע ברואים האט דער אויבערשטער אין הימל טויזנטער און צענדליגע טויזנטער מלאכים וואס דינען דעם אויבערשטן עונים באימה ואומרים ביראה, כולם אהובים כולם ברורים כולם גבורים כולם קדושים, זיי האבן נישט קיין יצר הרע, כלום יצר הרע יש ביניכם (ע"פ שבת פט.). צו דינען דעם אויבערשטן אן קיין יצר הרע איז נישט קיין קונץ, אויף דעם דארף מען נישט האבן קיין בריאת העולם, פאר דעם דארף נישט האבן קיין מענטשן אויף די וועלט, אזעלכע ברואים האט דער אויבערשטער אין הימל וואס זיי דינען דעם אויבערשטן ווי עס דארף צו זיין.

**די** גאנצע בריאה וואס דער אויבערשטער האט באשאפן די וועלט, וואס אונז דרייען מיר זיך ארום דא, איז וועגן דעם ווייל אונז זאלן דינען דעם אויבערשטן מיט נסיונות! אונז זאלן האבן אן עשו וואס וועט זיין אקעגן אונז, אונז זאלן האבן די כוחות הרע, ס"ם וואס איז שרו של עשו וואס שטערט אונז פון דינען דעם אויבערשטן, און דער באשעפער געבט די כוחות הנפש אונז זאלן זיך קענען מתגבר זיין אויף דעם עשו און טון אנדערש ווי דער יצר הרע פארלאנגט פון אונז, דאס איז אונזער עבודה אויף די וועלט!

**אז** עס זאל געבוירן ווערן ביי דיר א יעקב, דער יעקב דארף דאך זיין דער מובחר שבאבות (בר"ר עו-א) דער גאנצער כלל ישראל דארף פון אים ארויסקומען, אויב ער האט נישט קיין עשו קעגן זיך, האט דער יעקב נישט קיין חשיבות, דער באשעפער געבט דיר יעקב און ער געבט דיר תיכף אן עשו אקעגן יעקב, אז יעקב זאל נתגדל ווערן מיט נסיונות פון א ברודער אין שטוב וואס איז אן עשו, און ער זאל זיך נישט פירן ווי עשו פירט זיך! דעמאלטס אז ער פירט זיך אזוי ווי יעקב, דאס האט א חשיבות ביים אויבערשטן.

**'ותלך** לדרוש את ה"', און זי האט געפרעגט 'למה זה אנכי', פארוואס איז דא צוויי קינדער אן עשו מיט א יעקב?, טאמער בדרך נס געבט מיר דער אויבערשטער א קינד, דארף ער מיר געבן א יעקב, דאס פארשטיי איך, אבער לא עביד קוב"ה ניסא למגנא (ראה דרשות הר"ן דרוש ח הקדמה הא'), אז מען געבט א קינד בדרך נס, געבט מען אן ערליך קינד, אז נישט איז בעסער 'רני עקרה' וואס איז 'לא ילדה' (ע"פ ישעיה נד-א), אבער אז דער אויבערשטער זאל מיר געבן אן עשו, פארוואס פעלט אויס א נס צו דעם?

**'ויאמר** לה ה"' האט איר שם געזאגט אין נאמען פון אויבערשטן, אז 'שני גויים בבטנך', דא גייט ווערן צוויי פעלקער, עס איז דא א יעקב מיט אן עשו, 'ולאום מלאום יאמץ' - די שטארקייט פון דעם יעקב וועט זיין נאר ווייל ער האט נאך א לאום אקעגן, ווייל ער האט א שרו של עשו, וואס האט א כח פון שלעכטס וואס רעדט אים צו צוגיין אויפן נישט ריכטיגן וועג, און ער וועט זיך מתגבר זיין אויף אים, דאס איז דער 'יאמץ', דאס איז דער כח פון יעקב! (תניא פ"ט). און אז דער אויבערשטער

וויל דיר געבן א קינד וואס ער זאל האבן דערפון א גרעסערן נחת רוח, פון וואס ער האט פון מלאכים אויבן אין הימל, געבט ער דיר א יעקב און ער געבט דיר תיכף אן עשו אקעגן דעם יעקב, און יעקב זאל דאך אויסוואקסן א 'איש תם יושב אהלים', דאס איז די עבודה פון א איד אויף די וועלט!

**ווען** ער איז פריי פון נסיונות, און ווען עס גייט אים אלעס גרינג און ער האט נישט קיין שוועריקייטן אין עבודת ה', אוודאי דינט ער דעם אויבערשטן, יעדער איד וויל דינען דעם אויבערשטן, עס איז אבער נישט קיין חידוש אז ער דינט דעם באשעפער. ווען יעקב האט אבער אן עשו וואס ווערט געבוירן אקעגן אים, און פונדעסוועגן דאך פירט ער זיך ערליך, די עבודה האט א חשיבות! 'ולאום מלאום יאמץ', יעקב'ס שטארקייט וועט נאר זיין ווייל עס איז דא נאך א לאום וואס איז אקעגן אים. 'ורב', און דער רב דער עלטערער, דער עשו, 'יעבוד צעיר' - ער וועט געבן די עבודה פאר דעם צעיר, די עבודה פון דעם צעיר איז, אז ער האט אן עשו אקעגן זיך, און פונדעסוועגן דאך איז ער זיך מתגבר אויף אים, אויפן ס"מ וואס איז שרו של עשו, און ער פירט זיך אויף ווי עס דארף צו זיין.

**דער** אויבערשטער האט באשאפן דעם מענטש ארומגענומען מיט נסיונות פון אלע זייטן. עס איז דא נסיונות מבחוץ און עס איז דא נסיונות מבפנים. דער נסיון וואס א מענטש האט מבפנים, איז דאס וואס דער באשעפער האט אים באשאפן מיט א יצר הרע אפילו ער זאל זיין צווישן פיר ווענט, האט ער אינעווייניג אין זיך א כח פונעם יצר הרע 'לפתח חטאת רובץ' (בראשית ד-ז), פון ווען מען קומט אויף די וועלט איז מען ארומגענומען מיט א יצר הרע וואס רעדט צו צו גיין אויף די וועגן פון וואס איז היפך התורה. דאס איז איין נסיון.

**נאכדעם** האט ער א נסיון פון די סביבה ארום און ארום. ער האט א נסיון פון די מענטשן מיט וועם ער דרייט זיך מיט זיי צוזאמען, וואס אז מען פירט זיך נישט אויף ערליך איז דאך דער דרך פונעם מענטש, אז ער ווערט נגרר אחר רעיו וחביריו ווי דער **רמב"ם** זאגט (דעות ו-א), מען ווערט נשפע פון דעם ארום און ארום. יעקב איז נשפע געווארן, עס איז געווען צייטן וואס ער איז געווען מיט אן עשו אין שטוב, ביז ווילאנג ער איז געווען ביי יצחק, האט ער געהאט מיט זיך אן עשו אינדערהיים. שפעטער ווען ער איז געגאנגען קיין חרן, האט ער געהאט א לבן נעבן זיך, דער אויבערשטער האט אים צוגעשיקט איבעראל איינער וואס זאל זיין כנגדו — און אזוי דארף ער דינען דעם אויבערשטן, און דאס איז די חשיבות פון עבודת ה'!

**א** מענטש דארף נישט זיין צעבראכן אויב ער האט א נסיון! דאס איז דיין גליק! דאס איז דער פלאץ ווי דער אויבערשטער האט א נחת רוח פון דיר, ווייל דו האסט די נסיונות און דו האלסט זיך צוריק, וועגן דעם האט א חשיבות די עבודה פון א איד (ע"פ תניא פכ"ז).

**דער** באשעפער האט באשאפן די כוחות הרע אויף די וועלט, נישט ווייל זיי זענען א זאך פאר זיך אליין, די כוחות הרע פאר זיך דארף נישט דער רבוש"ע אויף דעם עולם האבן, נאר עס מוז זיין די כוחות הרע כדי אז עס זאל ארויסקומען די נחת רוח פון א איד, עס דארף זיין דער גוי, וואס דער גוי פירט זיך ווי א גוי קוקט אויס, און דער גוי האט נישט קיין שום צוריק האלט פון צו טון וואס ער וויל טון, און דער איד דארף וואוינען צוזאמען מיט דעם גוי און ער דארף זיין צוזאמען אין גלות מיט אים, און אמאל דארף ער זיין נאך נאנטער צו אים, מען איז פארבינדן מיט אים אין די ארבעט וכדומה. און אז מען איז פארבינדן צוזאמען, און דאך האלט מען זיך ערליך, און מען ווערט נישט נשפע פון די נסיונות וואס מען האט, דאס איז די עבודה וואס דער אויבערשטער האט אונז געגעבן! דער יעקב דארף האבן אן עשו וואס איז געבוירן געווארן צוזאמען מיט אים, כדי עס זאל זיין די עבודת ה' פון יעקב אבינו בשלימות!

**אין** דעם טאג וואס יעקב אבינו איז אוועק פון דער וועלט, איז אויך עשו אוועק (סוטה יג. הובא ברש"י). 'למה אשכל גם שניכם ביום אחד' (שם כז-מה)

האט רבקה געזאגט פאר יעקב, ווי האט זי געוואוסט אז עס וועט זיין 'אשכל גם שניכם ביום אחד', און זי וועט פארלירן זייביידע אין איין טאג? ווייל רבקה האט געוואוסט, עשו איז נישט געבוירן געווארן ווייל מען דארף א עשו אויף די וועלט, עשו איז געבוירן געווארן כדי צו געבן די עבודה פאר יעקב, ביז ווי לאנג יעקב איז דא דארף מען האבן דעם עשו, אבער אין דעם טאג וואס יעקב וועט נישט זיין, דארף דער עשו אויך נישט דא זיין. האט זי געוואוסט אז 'אשכל גם שניכם ביום אחד', אז דער גאנצער עשו איז נאר באשאפן געווארן עס זאל זיין 'ולאום מלאום יאמץ' מען דארף האבן איינעם א קעגן דעם יעקב. איז ווען יעקב דארף עס שוין נישט האבן, יעקב איז נישט דא, דארף דער עשו אויך נישט זיין.

**מען** געפונט אין די גמרא (חגיגה ה:) אז רבי יהושע בן חנניא איז געווען זייער גרויס אין חכמה, און ער האט זיך געקענט דינגען מיט די מינים, און מען האט אים געפרעגט ווען ער וועט אוועקגיין פון די וועלט ווער וועט זיך אן עצה געבן מיט די מינים, האט ער געזאגט, ווען איך וועל אוועקגיין פון די וועלט וועלן זיי אויך אוועקגיין. און די גמרא ברענגט צו דערויף דעם פסוק, 'נסעה ונלכה ואלכה לנגדך' (בראשית לג-יב), אז עשו האט געזאגט פאר יעקב, איך וועל זיין 'לנגדך', איך בין איינ'ג מיט דיר, ווען דו ביסט דא בין איך אויך דא, ווען דו ביסט נישט דא בין איך אויך נישט דא. דאס איז די עבודה וואס מען איז זיך מתגבר אויפן יצר הרע, וואס דערפאר ווערט מען אנגערופן ישראל – 'כי שרית עם אלקים ואנשים ותוכל'. 'כי שרית עם אלקים', עס איז דא א יצר הרע וואס איז 'אלקים' - א געטליכער כח וואס דער אויבערשטער האט אים אריינגעלייגט אינעם מענטש וואס ער רעדט צו, צו גיין נישט אויפן ריכטיגן וועג, און עס איז דא 'אנשים' - עס איז דא א עשו מיט א לבן וואס יעקב האט געהאט צו טון מיט זיי, ווען עס איז 'כי שרית עם אלקים ואנשים ותוכל' - ווען דו האסט זיך געקענט קעגן שטעלן סיי אויף די כוחות פון 'אלקים' וואס שטערן דיך פון עבודת ה', און סיי אויף די כוחות פון 'אנשים' וואס שטערן דיך, דעמאלטס ווערסטו אנגערופן ישראל.

**און** די גמרא זאגט (סוכה נב.) כל הגדול מחברו יצרו גדול הימנו, ווי גרעסער דער מענטש איז, אלס גרעסער איז דער יצר הרע ביי אים. פארוואס קומט זיך עס אים?, ווייל ער איז גדול מחברו קומט זיך אים ער זאל האבן א גרעסערער יצר הרע? נאר אז דער גאנצער יצר הרע איז נאר באשאפן געווארן וועגן דעם כדי ארויסצוברענגען דעם איד אין זיינע נסיונות, צו קענען דינען דעם אויבערשטן, איז דער וואס האט זיך מתגבר געווען אויף דעם קליינעם יצר הרע האט דאך שוין נישט מער קיין נסיונות, ער האט ער דאך שוין אפגע'הרג'עט דעם קליינעם יצר הרע, און ער דינט יעצט דעם אויבערשטן אן די נסיונות, און אזא עבודה האט נישט קיין חשיבות. אז דו ביסט גדול מחבירו דו ביסט גרעסער, און דער קליינער יצר הרע האסטו שוין באזיגט, איז יצרו גדול הימנו, געבט מען דיר אן אנדערן יצר הרע כדי אז דו זאלסט קענען באזיגן דעם גרעסערן יצר הרע אויך, ווייל טאמער דו וועסט האבן א לעבן אן א יצר הרע דעמאלטס האט נישט קיין חשיבות דיין עבודה.

**א** איד'ס עבודה איז תלוי ווייל מען האט שוועריקייטן, עס איז שווער צו דינען דעם אויבערשטן. איז וועגן דעם איז דער אויבערשטער מחשיב יעדע דבר קטן וואס א איד טוט! עס קומט אים אן שווער, עס קומט אן ביטער שווער אין די היינטיגע נסיונות פון די וועלט און מען האלט זיך ערליך, מען טוט דעם רצון ה' און מען גייט בדרכי התורה, דארף יעדער איד מחשיב זיין יעדע קלייניקייט וואס ער טוט, און וויסן אז די נסיונות וואס ער האט איז געגעבן געווארן אים צו הייבן!

**און** די גמרא זאגט (ראה עבודה זרה ג. רש"י שבת פח: ד"ה דסגינן), אז דער באשעפער ברענגט נישט קיין נסיון אויף א מענטש וואס מען קען נישט עומד בנסיון זיין, ווייל טאמער ער נישט עומד זיין בנסיון, וואלט דאס דער אויבערשטער נישט געברענגט צו אים, אויב ער האט נישט די כח ער זאל קענען זיך מתגבר זיין. און דער ביאור איז פשוט, ווייל אז די גאנצער עשו וואס דער אויבערשטער האט באשאפן, איז נאר כדי צו ארויסברענגן די

שטארקייט פון יעקב ווען ער איז זיך מתגבר אויפן יצר הרע שרו של עשו, ממילא געבט מען אים נישט קיין עשו וואס יעקב קען זיך נישט מתגבר זיין אויף אים, ווייל דער ציל פון עשו איז נישט צו זיין א עשו, און זיין ציל איז נישט שטארק צו מאכן די כוחות הרע. נאר דער עשו איז געשטעלט געווארן אז כדי יעקב זאל קענען דינען דעם אויבערשטן, מוז ער האבן אין זיך דעם עשו כדי ער זאל קענען זיך מתגבר זיין אויף אים. ממילא אזא נסיון וואס א מענטש קען נישט עומד זיין אין דעם, געבט מען אים נישט! ווייל דער ציל איז נישט אז דער מענטש זאל אדורכפאלן. דער ציל איז פון דעם יצר הרע כדי דער מענטש זאל קענען דינען דעם אויבערשטן (ראה זוה"ק ח"ב קסג.).

**דער** אויבערשטער האט באשאפן די וועלט 'בראשית' בשביל ישראל שנקראו ראשית (בראשית א-א וברש"י), די גאנצע בריאה איז נאר פאר אידישע קינדער, אלעס וואס איז דא אויף די וועלט איז כדי אז די עבודה פון אידישע קינדער זאל האבן א חשיבות. א וועלט מיט אזויפיל גוים, א וועלט מיט אזויפיל טומאה, דאס איז נישט קיין זאך פאר זיך, דער אויבערשטער דארף דאס נישט האבן אויף די וועלט. נאר כדי עס זאל זיין א בריאה אז ווי א איד גייט זאל חשוב זיין זיין עבודה וואס ער טוט, ממילא איז ער מוקף מיט נסיונות, און ווי ער רירט זיך נאר אויף די גאס וועט ער אנטרעפן כוחות הרע וואס וועלן זיין קעגן אים, און דער איד וועט זיך אויף זיי מתגבר זיין, פון דעם קומט ארויס די נחת רוח פאר'ן אויבערשטן.

**ווען** דער אויבערשטער האט באשאפן די וועלט, 'בראשית ברא אלקים', די גאנצע בריאה איז בשביל ישראל שנקראו 'ראשית' (שם), וואס דו וועסט דא טרעפן אויף די וועלט, אז עס איז דא א עשו עס איז דא א יצר הרע, עס איז דא קליפות און טומאה, דאס איז נישט קיין זאך פאר זיך, דאס איז אלעס בשביל ישראל שנקראו ראשית כדי אונזער עבודה זאל האבן א חשיבות.

**אין** מפרשים שטייט, יעקב אבינו האט געפרעגט דעם מלאך וואס זיין נאמען איז, האט ער געזאגט 'למה זה תשאל לשמי', דער שרו של עשו איז דאך דער שטן, הוא יצר הרע הוא השטן הוא המלאך המות ווי די גמרא זאגט (בבא בתרא טז.). ווען מען שטעלט צוזאם 'שטן' (359) מיט 'יעקב' (182) די צוויי ווערטער, איז בגימטריא 'ישראל' (541). יעקב אבינו ווען ער האט זיך מתגבר געווען אויפן שטן, און ער האט אים גערופן ישראל, האט ער אים געפרעגט וויאזוי הייסטו, האט דער מלאך געזאגט 'למה זה תשאל לשמי', דארפסט מיך נישט פרעגן, אז איך רוף דיך 'ישראל' וועסטו וויסן די דיפערענץ פון 'יעקב' מיט 'ישראל' איז אותיות 'שטן'. דו האסט זיך מתגבר געווען אויפן שטן ווען דעם ווערסטו אנגערופן ישראל. — קומט אויס, ישראל דאס איז צאמגעשטעלט פון צוויי ווערטער, יעקב מיט שטן דאס איז די בגימטריא פון ישראל.

**דער** פרקי דר' אלעזר זאגט, אז די אויבערשטער האט א נאמען געגעבן דעם יצר הרע, דעם שרו של עשו 'ישראל', אונז צו ווייזן אז דער שרו של עשו איז נישט פאר זיך אליין עפעס א כח וואס דער אויבערשטער דארף האבן אויף די וועלט, די כוחות הטומאה פונעם שרו של עשו. דער שרו של עשו איז צאמגעשטעלט א יעקב מיטן שטן! כדי אז דער יעקב זאל האבן א שטן אקעגן זיך. עס זאל קענען אויסוואקסן א יעקב, האט דער אויבערשטער באשאפן דעם שרו של עשו כדי אז יעקב זאל קענען אויסוואקסן ווי עס דארף צו זיין. דער שרו של עשו ווערט אנגערופן 'ישראל', ווייל עס איז 'יעקב' און 'שטן', דאס איז די מספר פון 'ישראל'. די גאנצע עבודה פונעם שטן איז צו דערהייבן דעם יעקב.

**און** ווען יעקב איז צוגעקומען צו די מדריגה, 'כי שרית עם אלקים ואנשים ותוכל', ער האט זיך געשלאגן מיט דעם יצר הרע און ער האט זיך מתגבר געווען אויף אים, זאגט אים דער מלאך, יעצט הייסטו 'ישראל', יעצט הייסטו 'יעקב' און 'שטן' צוזאמען. און ממילא בין איך יעצט צוגעקומען צום תכלית אויף וואס דער אויבערשטער האט מיך באשאפן, כדי איך זאל זיין א שטן פאר יעקב, אז יעקב זאל זיך קענען מתגבר זיין, און דו ביסט 'שרית עם אלקים ואנשים ותוכל' האסט זיך מתגבר געווען אויף מיינע שלעכטע

כוחות, יעצט האסטו באקומען דעם נאמען 'ישראל', וואס איז געווען די ציל אויף וואס דער אויבערשטער האט מיך באשאפן אויף די וועלט.

**עס** שטייט אין **עבודת ישראל** (פרשתן עה"פ ויאמר שלחני) אז די כוחות הרע זאגן אויך שירה פאר'ן אויבערשטן. אבער ווען זאגן זיי שירה, בשעת זיי טוען צו רעדן א מענטש צו טוען א זאך וואס מען דארף נישט, און דער איד איז זיך מתגבר אויף אים, און עס קומט ארויס א נחת רוח פאר'ן אויבערשטן פון די עבודה וואס דער איד האט געטון, דעמאלטס זאגן זיי שירה. יעצט האט ער אויסגעפולט זיין שליחות פארוואס ער איז אראפגעקומען אויף די וועלט, ער איז נישט אראפגעקומען צו זיין א טומאה אויף די וועלט, ער איז אראפגעקומען כדי אז די קדושה פון א איד זאל זיך קענען דערהייבן, אז דער באשעפער זאל האבן א נחת רוח און א תענוג פון די עבודה פון א איד, איז ער אראפגעקומען אויף די וועלט. און ווען ער קומט צו צו די מדריגה זאגט ער שירה פאר'ן אויבערשטן.

**דער** שטן האט געזאגט, איך האב נאך נישט געהאט אין מיין לעבן נאך אזא איד ווי יעקב וואס זאל זיך קענען אזוי מתגבר זיין אויף מיר. ממילא יעצט איז הגיע זמני לומר שירה, יעצט - זאגט דער שטן - איז געקומען מיין צייט צו זאגן שירה, אויף דעם בין איך באשאפן געווארן אז מענטשן זאל זיך מתגבר זיין ווען איך רעד זיי צו צוטון א זאך וואס מען דארף נישט, און יעקב איז געווען דער וואס איז ביי אים געווען 'שרית עם אלקים ואנשים ותוכל', און ממילא דוקא יעצט איז הגיע זמני לומר שירה. — האט ער אים געבעטן, אז וויבאלד איך האב געענדיגט מיין עבודה, לאמיך גיין זאגן שירה פאר'ן אויבערשטן.

**און** דאס איז א געוואלדיגע חיזוק פאר יעדן איד. די נסיונות ווערן פון יאר צו יאר גרעסער. מען לעבט אין א וועלט וואס די טומאה איז אזוי גרויס אז עס דרינגט אריין כמעט אין יעדן אידישע שטוב, עס איז צעבראכן געווארן די מחיצות וואס איז אמאל געווען, אז ווען מען איז אריינגעגאנגען ביי זיך אין שטוב האט מען געוואוסט אז מען איז אפגעהיטן, די שטוב איז הייליג, עס האט נישט קיין שייכות מיט די דרויסנדיגע גאס. היינט צוטאגס אבער, איז וואו מען דרייט זיך האט מען צו טון מיט דעם גוי, עס איז אפען פאר יעדעם וואס דער גוי טוט און וואס דער גוי טראכט און וואס דער גוי פירט זיך — און דאס איז אונזער עבודה! פון דעם אז אונז האבן די נסיון איז א סימן אז די עבודה בעט מען פון אונז אין אונזערע טעג פון עיקבתא דמשיחא ווען מען האלט אין די לעצטע מינוטן פונעם גלות. אונזער עבודה איז, אונז זאלן זיך קענען פירן ערליך, וויסן אונז האבן נסיונות, די נסיונות קומען אריין צו מיר אינדערהיים, און איך דארף זעהן צו טון וואס איך קען האלטן מיין שטוב זאל זיין הייליג און ריין, אז איך און מיינע בני בית מיט די קינדער זאלן נישט נכשל ווערן.

**אונז** דארפן אויפשטעלן דורות שפעטער. און ווען מען איז זיך מתבונן מיט א מענטשליכע שכל, איז עס כמעט ווי מען טאר נישט טראכטן וויאזוי אידישקייט וועט זיך קענען האלטן אין א פאר יאר ארום, און עס זאל זיך קענען האלטן ערליכע אידישע דורות ווען די נסיונות זענען אזוי גרויס.. קינדער פון קליין אן זענען זיי שוין אפען צו די גאנצע וועלט..! צו אלעם וואס א מענטש האט אמאל נישט געטראכט און גע'חלומ'ט, קען ער היינט צוקומען. וויפיל שמירה דארף מען האבן דערצו אז מען זאל קענען מגדל זיין ערליכע קינדער.

**אבער אלעס הייבט זיך אן ביי אונז! אונז אליין דארפן האבן די כוחות, אונז דארפן זיך אליין פירן ווי עס דארף צו זיין, אונז דארפן זיך אליין מתגבר זיין, און שטיין אויף די וואך אפצוהיטן אונזערע שטוב. און דו היט אפ כאטשיג דיין אייגענע שטוב, אז דיינע פיר ווענט זאלן זיין הייליגע ווענט וואס דארט זאל זיין נאר קדושה, אולי ירחם, און מען קען האפן אז עס וועט ארויסקומען ערליכע דורות פון די שטוב.** אבער אז מען ברעכט אדורך די מחיצות ביי אונז אליין, מען וואוינט מיטן גוי צוזאמען, מען וואוינט מיטן עשו צוזאמען, מיט לבן צוזאמען, דאן איז זייער שווער אז מען זאל זיך קענען האלטן — און דאס זענען די נסיונות פון אונזער דור.

**ווי** מער אונז מאכן אונזערע גדרים וסייגים, איז אונזער עבודה מער חשוב. יעקב האט נישט קיין חשיבות זיין עבודה אויב עס איז נישט דא קעגן אים אן עשו. דער עשו איז נישט אראפגעקומען צו צורעדן יעקב, און אים מדחה צו זיין פון גיין אויפן גוטן וועג, ער איז געקומען אז יעקב זאל זעהן דעם עשו און ער זאל זיך נישט פירן ווי עשו, דאס איז געווען די סיבת הבריאה פון עשו, 'ולאום מלאום יאמץ' אונזער שטארקייט קומט ארויס ווען אונז פירן זיך נישט ווי דער גוי פירט זיך. דער 'רב' - דער עשו, 'יעבוד צעיר' - ער געבט די עבודה פאר יודישע קינדער זרע יעקב, ער טוט אונז אויסארבעטן אז אונז זאלן קענען זיין הייליג פאר'ן אויבערשטן.

*

**יעקב** אבינו דארף זיך טרעפן מיט עשו. ער דארף מתפלל זיין 'הצילנו נא מיד אחי מיד עשו' און ער דארף תפילה דער אויבערשטער זאל אים העלפן, אזא צרה וואס ער האט ער מיט די קינדער, 'פן יבוא והכני אם על בנים', די גאנצע כלל ישראל שטייט אויף א וואגשאל יעצט, עשו קען קומען און אויסהרג'נען דא יעדן איינעם, 'ארבע מאות איש עמו' (בראשית לב, ז). איז די עצה תפילה, בעטן 'הצילנו נא מיד אחי מיד עשו'.

**תפילה** געפינט מען אין די גמרא אין מסכת ברכות (לב.), זאגט די גמרא לעולם יסדר אדם שבחו של מקום ואחר כך יתפלל, בעפאר מען שטעלט זיך דאווענען דארף א מענטש מסדר זיין שבחו של מקום, דעם שבח פונעם אויבערשטן און נאכדעם קען ער דאווענען. אזוי איז אויסגעשטעלט די שמונה עשרה, עס הייבט זיך אן מיט די ערשטע דריי ברכות וואס זיי זענען שבחו של מקום מען לויבט דעם אויבערשטן, נאכדעם קומען די תפילות וואס מען האט צו בעטן. און ווען מען ענדיגט, קומט נאכדעם א ברכה פון הודאה, נאך די ברכה פון 'רצה' זאגט מען 'מודים אנחנו לך' מען דאנקט דעם אויבערשטן, דעם חסד וואס דער באשעפער טוט מיט אונז שטענדיג, אונזערע תפילות איז ארומגענומען מיט הודאה פארדעם, און מיט הודאה נאכדעם. מען איז מסדר קודם שבחו של מקום, און בעפאר מען ענדיגט דאווענען זאגט מען 'מודים הטוב שמך ולך נאה להודות'. און די גמרא לערנט עס אראפ פון משה רבינו. משה רבינו האט געבעטן ער וויל אריין גיין אויף ארץ ישראל 'ואתחנן אל ה' בעת ההוא לאמר' (דברים ג-כג וברש"י), ער האט געבעטן א מתנת חנם, איך וויל אריין גיין אויף ארץ ישראל, ער האט נישט אנגעהויבן תיכף 'אעברה נא ואראה את הארץ' (שם פסוק כה), ער האט מקדים געווען א פסוק (כד), 'ה' אלקים אתה החלות להראות את עבדך את גדלך ואת ידך החזקה, אשר מי אל בשמים ובארץ אשר יעשה כמעשך וכגבורתך', ווי איז נאך דא אזא גרויסער ג-ט, און הערשט דערנאך האט ער געבעטן 'אעברה נא ואראה את הארץ הטובה'.

**בפשטות**, פארוואס דארף מען מסדר זיין שבחו של מקום בעפאר מען דאווענט, כדי ארויסצוברענגען דאס גרויסקייט פונעם אויבערשטן. מען קומט צו א מלך דאווענען איז אזוי דער סדר, קודם טוט מען באגריסן דעם מלך, מען רעדט שבחו של מקום די גרויסקייט פונעם אויבערשטן, נאכדעם הייבט מען אן צו בעטן וואס מען האט צו בעטן.

**משה** רבינו האט נישט סתם מסדר געווען סתם שבחו של מקום, ער האט אויסגערעדט דער אויבערשטער איז גרויס וכדומה, 'האל הגדול הגבור והנורא', וואס אונז זאגן אין אונזערע תפילות. ער האט גערעדט פון א זאך וואס איז נוגע פאר אים פערזענליך, וואס דער אויבערשטער האט אים געטון. 'ה' אלקים אתה החלות להראות את עבדך' - דו האסט מיר געוויזן, 'את גדלך ואת ידך החזקה', דו האסט מיר געוויזן 'אשר מי אל בשמים ובארץ אשר יעשה כמעשיך וכגבורותיך', נאכדעם האט ער געבעטן אויף זיין בקשה 'אעברה נא ואראה את הארץ הטובה'.

**דער** ענין דערפון איז, יעדער מענטש וואס האט א פראבלעם און ער קומט בעטן צום אויבערשטן, ער איז מתפלל, יעדער האט זיך דאך זיין שוועריקייטן אינעם לעבן און ער קומט מתפלל זיין פאר'ן באשעפער. אמאל קען זיין עס קומט מיט א תנועה

פון א התרעמות, כביכול ער רעדט זיך אפ, רבוש"ע פארוואס קומט זיך מיר? פארוואס איך בין אנדערש פון א צווייטן? יענער לעבט גוט, יענעם פעלט גארנישט, און איך פלאג זיך אויף פרנסה... איך פלאג זיך מיט געזונט... איך פלאג זיך מיט קינדער וכדומה... וואס א מענטש גייט נאר אלץ אדורך. א מענטש דארף זיך מתבונן זיין וויפיל חסד דער רבוש"ע טוט מיטן מענטש, ביז ער איז צוגעקומען צו דעם מצב וואס ער דארף יעצט בעטן אז דער אויבערשטער זאל אים העלפן. וויפיל גוטס דער אויבערשטער האט געטון פאר אים ביז די מינוט וואס ער איז אנגעקומען צו דעם פראבלעם וואס ער האט, איז דאך נישט דא קיין ווערטער צו דאנקען דעם אויבערשטן אויף דעם חסד וואס דער באשעפער האט געטון.

**א** מענטש דארף פרנסה, ער האט א ווייב מיט קינדער, ער האט חתונה געהאט, ער האט א שטוב מיט קינדער, ער דארף האבן פרנסה, און זיין פרנסה איז שווער, און ער בעט פונעם אויבערשטן, רבוש"ע איך דארף מפרנס זיין מיין שטוב, געב מיר פרנסה בריווח. וויפיל חסד ה' ליגט אין דעם וואס דו דארפסט דאנקען קודם דעם אויבערשטן. דאנק קודם דעם אויבערשטן דו האסט געטון א שידוך, דו האסט א ווייב ב"ה, וואס נישט יעדער האט זוכה געווען דערצו. דער אויבערשטער האט דיר געגעבן קינדער, ער האט דיר געגעבן א שטוב מיט קינדער, וויפיל חסד ה' איז דא אז דער אויבערשטער האט דיר געגעבן א שטוב ב"ה מיט לעבעדיגע קינדער און דו דארפסט פרנסה לחם לפי הטף. אמת דו דארפסט פרנסה, אבער קודם דאנק דעם באשעפער אויף וואס ער האט דיר ביז יעצט געגעבן. דאנק דעם רבוש"ע אויף דעם! ווען דו וואלסט מיר נישט געגעבן קיין ווייב מיט קינדער, וואלט איך נישט געדארפט קיין פרנסה, איך וואלט נאך געהאט מיין ברויט מיט פוטער צו עסן, ווייל דו האסט מיר געגעבן אזויפיל גוטס דאס האט מיך צוגעברענגט דערצו אז איך דארף יעצט די בקשה, דאנק קודם פאר'ן אויבערשטן אויף וויפיל גוטס דער אויבערשטער האט דיר געטון ביז דו ביסט צוגעקומען צו דעם אז דו דארפסט בעטן די בקשה וואס דו האסט צו בעטן פארן רבוש"ע.

**אזוי** אויך אז מען איז נישט געזונט ל"ע, און מען דארף מתפלל זיין דער באשעפער זאל געבן געזונט. אויף וויפיל חסד ה' דארף מען דאנקן דעם אויבערשטן, קודם איז אדורכגעגאנגען אזויפיל יארן וואס איך בין ב"ה געווען געזונט, און עס האט מיר גארנישט געפעלט, און דער אויבערשטער האט מיר געגעבן איך האב געזעהן נחת מיט שמחות, פילע יארן ביז יעצט, און דער אויבערשטער וועט מיר ווייטער עס געבן. אמת איך בין יעצט אין א מצב וואס איך דארף א ישועה, אבער עס קומט מיט א הודאה פארן אויבערשטן, דאנק דעם רבוש"ע וואס ער האט דיר געגעבן ביז יעצט, בעפאר דו גייסט צו בעטן נאכדעם וואס דו דארפסט צו האבן.

**דאנק** דעם אויבערשטן אז דיין מצב איז אזוי ווי עס איז, עס וואלט דאך געקענט זיין צען מאל ערגער! וויפיל מענטשן גייען אדורך אסאך שווערערס וויפיל ער גייט אדורך, און דער אויבערשטער האט דיך נישט געפרואווט אין אזא וועג. — וויפיל הודאה קומט זיך פאר'ן אויבערשטן צו דאנקן דערפאר.

**ער** דארף א גרעסערע דירה. פארוואס דארף ער א גרעסערע דירה? ווייל דער אויבערשטער האט אים געבענטשט מיט א ווייב און מיט קינדער, און ער דארף האבן פלאץ פאר זיי. וויפיל חסד ה' ליגט אין דעם וואס דער אויבערשטער האט דיר געגעבן. ווען דו וואלסט נישט געהאט קיין שטוב מיט קינדער, וואלסטו נישט געדארפט די דירה, וואלסטו זיך געקענט באנוצן מיט איין צימער וואלסטו געקענט אזוי אפלעבן דיין גאנץ לעבן. נאר דער באשעפער האט דיר געטון א חסד, ער האט דיך געבענטשט, און ער האט דיר געגעבן א שטוב מיט קינדער דארפסטו א דירה אויך, דאנק דעם רבוש"ע פאר דעם חסד וואס דער אויבערשטער האט דיר געטון קודם. 'מהולל אקרא ה'' (תהילים יח-ד), בשעת מען רופט צום אויבערשטן, דארף עס קומען קודם מיט א הילול, דאנקען דעם רבוש"ע אויף וואס ער האט דיר געגעבן אלע גוטע זאכן ביז יעצט, און יעצט איז דא זאכן וואס שטערט מיך און ער בעט פונעם אויבערשטן, דער באשעפער זאל אים אין דעם

העלפן. 'מהולל אקרא ה'', בשעת מען רופט צום אויבערשטן, רופט מען קודם אויס מיט א הילול, מען מוז קודם דאנקן דעם באשעפער.

**לעולם** יסדר אדם שבחו של מקום ואחר כך יתפלל, איך האב טאקע א תפלה, איך האב וואס צו בעטן פאר דיר, אבער איך בין קודם מסדר שבחו של מקום. איך בין דיר שולדיג אזויפיל רבוש"ע וואס דו האסט מיט מיר געטון, אז דו האסט מיר געגעבן דאס און דאס און דאס, ווען דו וואלסט עס מיר נישט געבן וואלט איך נישט געהאט וואס צו בעטן ביי דיר, איך וואלט נישט געהאט קיין פראבלעם יעצט. דו האסט מיר געגעבן, איך בעט פון דיר רבוש"ע געב מיר ווייטער אויך, און העלף מיר אין די מצב וואו איך בין. מען דארף מסדר זיין קודם דעם שבחו של מקום און נאכדעם זאל מען מתפלל זיין, נאכדעם זאל מען בעטן.

**די** וועלט זאגט אויפן הייליגן רבי'ן **ר' זושא זי"ע**, ער האט דאך קיינמאל נישט געבעטן פון א מענטש א זאך, און ער האט זיך פארלאזט אויפן אויבערשטן, ער האט געהאט בטחון אז דער באשעפער וועט אים מזמין זיין וואס ער דארף צו האבן, און אלץ האט אים דער אויבערשטער צוגעשיקט. 'ולא ראיתי צדיק נעזב וזרעו מבקש לחם' (תהילים לז-כה), דער באשעפער האט אים צוגעשיקט וואס ער האט געדארפט צו האבן. אפילו בדרך נס. אבער דער **רבי ר' זושא** האט נישט נאר געזאגט זושא איז הונגעריג. קודם האט ער אזוי געזאגט, רבוש"ע דו האסט געגעבן אן אפעטיט פאר זושא, און איך דאנק דיך רבוש"ע פאר דעם אפעטיט וואס איך האב! עס איז דא מענטשן וואס האבן נישט קיין אפעטיט אויך נישט, און ער דארף נישט צו עסן און מען געבט אים צו עסן קען ער ניטאמאל עסן, דאנק איך דיר רבוש"ע אז איך בין געזונט, און אז דו האסט מיר געגעבן א אפעטיט צו עסן, און איך בין הונגעריג, געב מיר צו עסן אויך (הובא בס' תורת הרמ"ז עמ' תטו). דאס איז דער 'מהולל אקרא ה'', מען רופט דעם אויבערשטן קודם מיט א הילול, מען דאנקט דעם אויבערשטן קודם אויף וואס דער באשעפער האט מיר געגעבן וואס איך האב יא, און נאכדעם בעט מען די בקשה אז איך בין הונגעריג און איך דארף צו עסן.

**כמעט** אלע בקשות וואס א מענטש האט, איז פארבינדן מיט וואס קודם האט דער אויבערשטער מיט אים געטון גוטס. ער האט אים געגעבן א ביזנעס און ער האט אים געגעבן פרנסה ברחבה, און עס מאכט זיך שוועריקייטן אין די געשעפטן, דאנק דעם רבוש"ע, וויפיל מענטשן האבן נישט דעם פראבלעם וואס דו האסט, זיי האבן אינגאנצן נישט קיין געשעפט, זיי האבן נישט אפילו פון וואס צו לעבן. דאנק דעם רבוש"ע אויף וואס דו האסט מיר געגעבן און נאכדעם קען מען בעטן דעם בקשה.

**א** שמונה עשרה הייבט זיך אן מיט לויב פונעם אויבערשטן, איך דאנק דיך רבוש"ע קודם פאר אלעם וואס איך האב געהאט ביז יעצט, נאכדעם הייבט ער אן צו בעטן זיין בקשה וואס ער דארף צו בעטן.

**משה** רבינו האט געוואלט אריינגיין אויף ארץ ישראל. ער האט משיג געווען וואס ארץ ישראל איז טייטש. ארץ ישראל איז 'ארץ אשר ה' אלקיך דורש אותה, תמיד עיני ה' אלקיך בה מראשית השנה ועד אחרית שנה' (דברים יא-יב), אונז זאגן נאר נאך די ווערטער, אבער משה רבינו האט דאך משיג געווען וואס דאס מיינט אז מען קען וואוינען אין ארץ ישראל אונטער 'עיני ה'', און ער האט געבעטן דעם אויבערשטן 'אעברה נא', איך האלט עס נישט אויס, איך וויל נישט בלייבן אין חוץ לארץ, איך וויל אריינגיין אויף ארץ ישראל. אבער קודם האט ער געדאנקט דעם אויבערשטן, ווער האט מיר געגעבן דעם שכל איך זאל פארשטיין וואס ארץ ישראל איז? ווער האט מיר געוויזן וואס ארץ ישראל איז? ווער האט מיר געוויזן וואס דער רבוש"ע איז? דו האסט מיר דאך געגעבן דעם שכל, דו האסט מיך ארויפגעברענגט צו אזא מדריגה איך זאל פארשטיין די חשיבות פון דעם פלאץ און איך זאל מיך בענקען אהין אריינצוקומען, 'אתה החילות להראות את עבדך את גדלך ואת ידך החזקה', איך דאנק דיך קודם רבוש"ע פאר דעם וואס דו האסט מיר חונן דעת

געוועהן אז איך זאל פארשטיין די חשיבות פון 'ארץ אשר ה' אלקיך דורש אותה', און אויף דעם געב איך דיר קודם אן הודאה, און נאכדעם גיי איך בעטן מיין בקשה.

**האט** ער אנגעהויבן 'ואתחנן אל ה' בעת ההיא' - איך בעט א מתנת חנם, אתה החילות להראות את עבדך' - דו האסט דאך מיר געוויזן 'את גדלך ואת ידך החזקה, אשר מי אל בשמים ובארץ אשר יעשה כמעשיך וכגבורותיך' - ווער האט מיך אויסגעלערנט וואס א באשעפער איז, ווער האט מיך אויסגעלערנט ווי גוט עס איז ווען מען איז נאנט צום אויבערשטן, און שטענדיג אונטער די אויגן פונעם אויבערשטן, דו האסט דאך דאס מיר געגעבן, און איך דאנק דיר קודם פארדעם וואס דו האסט מיך געגעבן דעם שכל איך זאל עס פארשטיין. יעצט אז איך פארשטיי עס, קומט מיין בקשה 'אעברה נא ואראה את הארץ הטובה', רבוש"ע איך דאנק דיר פאר דעם אפעטיט וואס דו האסט מיר געגעבן איך זאל וועלן אריין גיין אין ארץ ישראל, און נאכדעם בעט איך פון דיר איך וויל אריינגיין אויף ארץ ישראל. — דאס איז דער יסדר אדם שבחו של מקום ואח"כ יתפלל.

*

**יעקב** אבינו האט געהאט צוטון מיט עשו, און ער בעט 'הצילנו נא מיד אחי מיד עשו', א געוואלדיגע בקשה, 'פן יבא והכני אם על בנים'. האט יעקב געזאגט פאר'ן רבוש"ע, בעפאר איך הייב אן צו בעטן מיין בקשה, קודם דארף איך דאנקן. איך האב אמאל נישט געהאט גארנישט, 'במקלי עברתי את הירדן הזה' - איך האב נישט געהאט מער ווי מיין שטעקן, ווען ער איז אנטלאפן פון עשו האט אליפז אים אלעס צוגענומען (רש"י בראשית כט-יא), ער איז געבליבן נאר מיט דעם שטעקן. ווען איך וואלט נישט געהאט קיין ווייב מיט קיין קינדער וואלט איך נישט אזוי מורא געהאט פון עשו. א מענטש אליין קען זיך נאך אן עצה געבן, ער קען זיך אויסבאהאלטן פון עשו. דו האסט מיך געבענטשט ב"ה, איך בין געווארן שני מחנות, איך בין געווארן א שטוב מיט קינדער, צוועלף שבטים האב איך דא. דו האסט מיך געבענטשט מיט אזא עשירות 'שור וחמור צאן ועבד ושפחה' (שם לב-ו) וואס אלעס האסטו מיר געגעבן, איך קען דאס נישט באהאלטן פון עשו, און איך בעט דיך יעצט 'הצילנו נא מיד אחי מיד עשו', דאס איז געווען די בקשה פון יעקב.

**האט** יעקב קודם געדאנקט דעם אויבערשטן, רבוש"ע 'קטנתי מכל החסדים ומכל האמת' (פסוק יא)- איך בין קליין פון די אלע חסדים וואס דו האסט מיט מיר געטון, 'כי במקלי עברתי את הירדן הזה' - איך האב נישט געהאט מיט מיר גארנישט! איך האב געהאט א מקל וואס מיט דעם בין איך אדורכגעגאנגען דעם ירדן, 'ועתה הייתי לשני מחנות' - איך בין געווארן צוויי מחנות. רבוש"ע, קודם געב איך דיר א שבח והודאה אויף די שני מחנות וואס עס איז געווארן פון מיר. ווען איך וואלט נישט געהאט די טובה, איך וואלט נישט געהאט די שני מחנות מיט מיר, וואלט איך נישט געהאט וואס צו בעטן, איך וואלט מיר א עצה געגעבן מיט עשו, איין מענטש אליין קען זיך באהאלטן ער קען זיך אן עצה געבן, אבער דו האסט מיר געטון אזויפיל גוטס 'הצילנו נא מיד אחי מיד עשו כי ירא אנכי אותו, פן יבוא והכני אם על בנים', ווען איך וואלט נישט געהאט קיין אמהות, איך וואלט נישט געהאט קיין בנים וואלט איך נישט געדארפט צוקומען צו די בקשה. דו האסט דאך מיר אזויפיל גוטס געטון, בעט מען פונעם אויבערשטן ווייטער 'הצילנו נא מיד אחי מיד עשו', דאס איז געווען די בקשה פון יעקב אבינו, קודם האט ער ארויסגעברענגט זיין הילול דאנקען דעם באשעפער, און נאכדעם האט ער געבעטן זיין בקשה.

**'כי** במקלי עברתי את הירדן הזה', ער איז דאך נישט געווען ביים ירדן, ער האט אנגערופן 'הירדן הזה'? די גמרא זאגט (ברכות נד.) מען קומט אויף א פלאץ ווי עס איז געשעהן א נס, דארף מען דאנקן דעם אויבערשטן, 'ברוך שעשה לי נס במקום הזה', און די גמרא זאגט אז אויף א טובה פון גאנץ כלל ישראל דארף מען דאנקען, ווייל יתרו האט געדאנקט 'ברוך ה'' (שמות יח-י) ווען ער האט געהערט 'אשר הציל אתכם' - וואס ער האט מציל געווען אידן ביים קריעת ים סוף האט ער געזאגט ברוך, ער האט געדאנקט דעם אויבערשטן.

**די** מפרשים דארטן אויפן פלאץ שטעלן זיך, אז די הלכה איז דאך נאר ווען מען שטייט אויף דעם פלאץ דארף מען זאגן א ברכה, יתרו דאך געווען אין מדבר, ער איז נישט געשטאנען דארטן ביים ים סוף, וויאזוי לערנט אראפ די גמרא אז מען דארף זאגן א ברכה ווען מען קומט אויף א פלאץ ווי עס איז נעשה בו נס?

**שטייט** אין הייליגע ספרים (ראה אמרי אמת ליקוטים עמ' לח ד"ה מה"מ), אז ווען משה רבינו האט פארציילט פאר יתרו וויאזוי עס איז געווען די קריעת ים סוף, האט יתרו האט זיך מדבק געווען אין זיין מחשבה, און ער איז ער צוריקגעגאנגען כאילו ער שטייט יעצט ביים ים און לעבט מיט דעם נס פון קריעת ים סוף, כאילו ער געפינט זיך נישט יעצט אין מדבר. ווען א מענטש איז נישט דארטן וואו זיין גוף איז, וואו זיין מחשבה איז, שטייט אין הייליגע ספרים (כתר שם טוב לרבינו הבעש"ט ז"ע אות נו וערה), דארט איז דער מענטש, במחשבה איז יתרו געווען דעמאלטס אויף דעם פלאץ וואו אידן זענען אדורכגעגאנגען דעם ים, האט ער געזאגט דערויף א ברכה.

**יעקב** אבינו ווען ער געבעט א הודאה פאר'ן אויבערשטן, 'כי במקלי עברתי את הירדן הזה', ער דאנקט קודם דעם באשעפער אויף דעם גוטס וואס דער באשעפער האט מיט אים געטון, איך האב נישט געהאט גארנישט און 'ועתה הייתי לשני מחנות', האט ער זיך אריינגענומען אין קאפ און מיטגעלעבט דעם מצב וויאזוי עס האט אויסגעקוקט אמאל ווען ער האט נישט געהאט גארנישט! ווי ער איז אדורכגעגאנגען דעם ירדן מיטן מקל, און ער איז געווען אין אזא מצב אז ער האט געפילט איך בין דא ביי דעם ירדן, 'כי במקלי עברתי את הירדן הזה', אזויווי ביי יתרו וואס ער האט מיטגעלעבט און ער איז געשטאנען דעמאלטס דארטן בשעת מעשה. א מענטש דארף מיטלעבן און איבערגעדענקען און ארויפברענגען אין זיין מחשבה די אלע גוטע זאכן וואס דער אויבערשטער האט מיט אים געטוהן, און דער באשעפער האט אים צוגעברענגט ביז אהער, און נאכדעם איז מען מתפלל.

**און** אזוי בעט מען ביי די שמונה עשרה, הייבט מען אן קודם שבח והודאה פאר'ן באשעפער וואס דער אויבערשטער געבעט אונז, ער האט אונז געגעבן און ער געבעט אונז א גאנצע צייט, און אפילו ווען ער האט שוועריקייטן ער דארף זיך שטעלן דאוונענען צום אויבערשטן, האט ער קודם די הודאה וואס דער אויבערשטער האט אים צוגעברענגט צו אזא מצב וואס ער זאל דארפן שפעטער מתפלל זיין.

**און** ווען מען ענדיגט דאס דאוונענען די בקשות, הייבט מען אן 'מודים אנחנו לך', רבוש"ע איך האב טאקע געבעטן וואס איך דארף צו בעטן, אבער וויפיל הודאה דארף איך דיר געבן אויסער די זאך וואס עס פעלט מיר, 'על נסיך שבכל יום עמנו ועל נפלאותך וטובתיך שבכל עת ערב ובקר וצהרים, הטוב כי לא כלו רחמיך והמרחם כי לא תמו חסדך', וויפיל איז דא צו דאנקען דעם אויבערשטן אויף וואס איך האב יא! איך בעט טאקע אויף וואס איך האב נישט, אבער קוק אויף די גוטע זייט אויך, וואס דער אויבערשטער האט דיר געגעבן און דו האסט! — און אזוי זאלסטו צוגיין און בעטן פונעם באשעפער.

*

**מיר** זענען זיך צוזאמגעקומען אין די הייליגע שטאט פרעשבורג, מתפלל זיין אויפן ציון פון **הייליגן חתם סופר** זי"ע ועכ"י, אונז זענען מיר דא א שבת פאר דעם. עס איז א געוויסע הכנה צו די תפילות וואס מען דארף בעטן שפעטער, שבת איז א טאג פון הודאה, 'מזמור שיר ליום השבת, טוב להודות לה' ולזמר לשמך עליון' (תהלים צב, א-ב), יעדן שבת ווען א מענטש איז רוהיג ער איז אדורכגעגאנגען די וואך, איז דער שבת מוקדש אויף הודאה פאר'ן אויבערשטן. וויפיל ביסטו שולדיג פאר'ן באשעפער אויף די וואך וואס איז אדורכגעגאנגען! לייג אין דער זייט די פראבלעמען וואס דו האסט. וויפיל גוטס וואס דער אויבערשטער האט דיר יא געטון. וויפיל חסד ה' ליגט אין אלעם וואס דו האסט אין דיין שטוב. לייג אוועק וואס עס פעלט, נאר וואס דו האסט א ווייב, דו האסט קינדער, דו האסט א דירה, און דו האסט ווי צו וואוינען, און דו ביסט געזונט, די בני בית איז געזונט, וויפיל חסד ה'

ליגט דא וואס מען דארף דאנקען דעם אויבערשטן דערויף.

**און** דאס דער שבת, דער 'טוב להודות לה' ולזמר לשמך עליון'! אונז האבן טאקע אונזערע בקשות אונזערע תפילות וואס אונז בעטן, שבת איז א טאג פון הודאה, א טאג וואס מען דאנקט דעם אויבערשטן! שבת איז אסור בבקשת צרכים, שבת טאר מען נישט בעטן קיין פריוואטע זאכן קיין פריוואטע צרכים (ראה או"ח רפח-ט), ווייל דער שבת איז געגעבן געווארן אויף 'להודות לה'".

**וועגן** דעם דארף מען שבת נעמען מער צייט צו דעם דאווענען, נישט פאר די בקשות נעמט מען מער צייט, פאר די הודאה דארף מען געבן מער צייט. מען איז זיך אסאך מאל נישט מתבונן געגוג אינעם חסד ה' וואס דער אויבערשטער טוט. שבת איז רוהיג מען שטעלט זיך דאווענען, די שעה וואס מען דאווענט דארף זיין א שעה פון התבוננות, מוקדש צו דאנקן דעם באשעפער אויף די אלע חסדים וואס דער אויבערשטער האט געטון מיט אונז.

**מוצאי** שבת ווען מען גייט מתפלל זיין די וואכענדיגע שמונה עשרה, נעמט מען זיך מיט קודם דעם 'מהולל אקרא ה'", גאנץ שבת האבן מיר געלויבט דעם אויבערשטן פאר'ן חסד ה' וואס דער באשעפער האט געטון מיט אונז ביז יעצט, דעם 'קטנתי מכל החסדים מכל האמת אשר עשית את עבדך כי במקלי עברתי את הירדן הזה', און נאכדעם קומט מען מיט די תפילה וואס מען איז מתפלל שפעטער.

**עס** איז נאך שבת וואס א איד איז זיך מתבונן אין חסד ה', עס איז די צייט אז מען זאל געבן הודאה פאר'ן באשעפער, און נאך וואס שבת גייט אדורך, דעמאלטס איז דער זמן פון תפלה. נאך די הודאה וואס אונז האבן געגעבן, אונז זענען זיך נישט מתרעם, אונז בעטן נאר אז דער באשעפער זאל אונז ממשיך זיין די טובות וואס ער האט געטון מיט אונז ביז יעצט, אויף שפעטער אויך.

**איך** האב שוין געזאגט די פאריגע מאל. אונזער קהילה האט אן עקסטערע קשר צום הייליגן חתם סופר. אונזער שול איז א המשך פון די 'שיף שול' וואס איז געווען אין וויען, וואס איז נתייסד געווארן די קינדער פונעם חתם סופר, דאס איז געווען די ערשטע מקום וואס האט זיך אראפגעשטעלט פון די קינדער פון חתם סופר אוועקצושטעלן א קהילה אזויווי דער חתם סופר האט עס אויסגעשטעלט. מען איז ממשיך די אלע יארן ביי אונז פון דעם מקום. האבן מיר אן עקסטערן נאנטקייט, וואס אונז האבן א געוויסע זכות מתפלל זיין און צו בעטן אונזערע בקשות אויף אזא הייליג מקום.

**די** גמרא זאגט דאך (יבמות צז.), האומר דבר שמועה פון א חכם שפתותיו דובבות בקבר. ב"ה אונזער ציבור, הונדערטער שעות האט מען געהערט דברי תורה פונעם הייליגן חתם סופר, און אונז האבן געמאכט אז דער חתם סופר זאל זיין שפתותיו דובבות בקבר, אזויפיל הונדערטער שעות מוסר, הרהורי תשובה און אלע ענינים פון אידישקייט וויאזוי מען דארף זיך צו פירן, האבן אונז צוגעברענגט דערצו וועך דער חתם סופר קען שוין אליין נישט טוהן קיין מצות ומעשים טובים, איז געווען דורך אונזער עבודה שפתותיו דובבות בקבר. האבן מיר א רעכט צו בעטן אז עס זאל זיין ווייטער שפתותיו דובבות, מען קומט און מען בעט מען איז מעורר רחמים דער זכות פון דעם צדיק וואס ליגט דא, ער זאל זיין א מליץ יושר פאר אונז אלע. מען האט דאך אויסגעגעבן געלט און מען האט זיך געפלאגט און מען איז געקומען און זיך מטריח געווען אהערצוקומען. יעדער מענטש, אויסער די הודאה וואס ער דאנקט פאר'ן אויבערשטן, האט ער דאך א פול הארץ וואס יעדער דארף האבן רפואות און ישועות און הצלחה אין אסאך ענינים. איז דער פלאץ אז מען זאל זיך קענען אויסגיסן דאס הארץ, און דער באשעפער זאל געבן כי אתה שומע תפילות אין זכות פונעם הייליגן צדיק וואס ליגט אויף דעם מקום, זאל זיין שפתותיו דובבות, ער זאל זיין פאר אונז א מליץ יושר עס זאל נתקבל ווערן די תפילות וואס מען בעט לרחמים ולרצון.

**דער** באשעפער זאל ממלא זיין כל משאלות לבבינו לטובה, זאלן מיר אלע זוכה זיין אהיים צוגיין מיט

גאנצע פעקלעך מיט ישועות וואס יעדער דארף צו האבן, עס זאל זיך האבן אויסגעצאלט די שפעזען וואס מען איז געקומען. דער באשעפער זאל געבן אז די תפילות וואס אונז בעטן מיר, נאך די הודאות פונעם שבת וואס מען האט געדאנקט דעם אויבערשטן אויף דעם חסד, אונז זענען זיך נישט מתרעם אויף גארנישט, אונז טוען זיך נישט אפרעדן, אונז בעטן נאר אז דער באשעפער זאל ממשיך זיין ווייטער די חסדים וואס ער האט געטון פאר אונז ביז יעצט, 'קטנתי מכל החסדים ומכל האמת' - אונז זענען עס טאקע נישט ווערד, אבער 'ואתחנן' - אונז בעטן אבער א מתנת חנם, אויף צדיקים זאגט רש"י אפילו זיי קענען תולה זיין במעשיהם הטובים בעטן זיי א מתנת חנם, מכל שכן ווען עס איז נישט דא קיין מעשים טובים בעט מען דאך אוודאי פאר א מתנת חנם.

**זאל** דער הייליגער חתם סופר זיין א מליץ יושר פאר אונז אלע, מיר זאלן געהאלפן ווערן יעדער איינער מיט וואס ער דארף צו האבן. און אונז זאלן אלע אינאיינעם זוכה זיין אקעגן צו גיין משיח צדקינו בב"א.

## מלוה מלכה לתומכי ונדיבי לבנין החדש דישיבתינו הק' מתיבתא נחלת יעקב - בעיר פרעשבורג

פרשת וישלח תשפ"ג לפ"ק

**איך** וועל נישט אויפהאלטן דעם ציבור, איך וויל אבער דאך זאגן א פאר ווערטער בעפאר אונז געזעגענען זיך, און יעדער גייט צוריק למחוז חפצו.

**קודם** דארפן מיר דאנקען דעם אויבערשטן אויף דעם שיינעם שבת וואס אונז האבן געהאט צוזאמען, בגשמיות וברוחניות, דער באשעפער זאל געבן, אונז זענען דאך געקומען מתפלל זיין, און די אלע תפילות וואס מען האט געבעטן זאל אלעס ווערן אנגענומען לרחמים ולרצון.

**מען** האט געהערט נעכטן הרה"ג **רבי מרדכי שיף** זאל זיין געזונט, ער האט נאכגעזאגט אז דער חתם סופר בעפאר זיין הסתלקות האט ער אנגעוואונטשן א ברכה פאר די אלע וואס זענען געווען דארטן אין שטוב. און ער האט געזאגט ער וואלט געדארפט געבן עקסטער א ברכה פאר יעדעם איינעם, אבער ער געבט די ברכה בכלליות (הובא בכתב סופר פרשת ברכה ד"ה וזאת).

**און** ער האט געטראפן אין **בית אפרים** פון הגה"צ **רבי נפתלי סופר** זצ"ל (ד.) ווי ער שמועסט אויס די מעשה מער בפרטיות, ער שרייבט אז דער חתם סופר האט גערופן די ראשי הקהלה, ער איז געווען דארטן, און ער האט געזאגט, ער שפירט אז וואס ער איז צוגעקומען אין זיין לעבן האט ער צו פארדאנקען פאר די קהלה וואס האט אים געגעבן די געלעגענהייט ער זאל קענען מרביץ תורה זיין, ער וואלט געדארפט פאר יעדן איינעם עקסטער געבן א ברכה, אבער ער קען דאך נישט געבן פאר יעדן איינעם עקסטער, ער איז געווען שוואך, געבט ער א ברכה פאר אלע צוזאמען.

**און** ער שרייבט דארטן אז דער חתם סופר האט געזאגט, אז משה רבינו האט געזאגט אויף זיך, אז אויף אלעס וואס ער איז צוגעקומען איז ער שולדיג אן הכרת הטוב פאר אידן, און ער וואלט געדארפט יעדן איינעם בענטשן עקסטער, 'וזאת הברכה אשר ברך משה איש האלקים את בני ישראל' (דברים לג-א)- ער האט געדארפט צו בענטשן עקסטער יעדעם איינעם פון גאנץ כלל ישראל, אבער היות דאס איז געווען 'לפני מותו', האט ער נישט געהאט קיין געלעגענהייט ער זאל קענען בענטשן יעדן איינעם עקסטער. דער חתם סופר האט צוגעגעבן דערויף, אז די זעלבע ער שפירט אן הכרת הטוב פאר וואס ער איז צוגעקומען, פאר די קהלה וואס האט אים אויפגענומען.

**עס** האט מיר געגעבן א שטאך אין הארץ, איך האב עס געהערט, אז וואו איז טאקע די הכרת הטוב?

הכרת הטוב דארף מען נאר זאגן ווען מען האלט 'לפני מותו'? הכרת הטוב דארף מען זאגן ביז ווי לאנג מען קען נאך נהנה זיין, ווען מען איז צוזאמען. וויסן אז אויף וואס מען איז צוגעקומען ביז אהער איז דא צו פארדאנקען פאר די וואס האבן צוגעברענגט דערצו אז מען איז אנגעקומען צו דעם מקום ווי מיר שטייען.

**עס** האט מיך איין זאך געקוועטשט. אז ער האט געזאגט, אז ער האט גערופן די ראשי הקהלה און פאר זיי האט ער עס געזאגט. עס האט מיר נישט עפעס געקלאפט. די ראשי הקהלה? דער חתם סופר האט נישט געלעקט קיין האניג פון זיינע ראשי הקהלה. אינדערהיים איז אזוי געווען אין אלע קהלות, און ביים חתם סופר איז אויך נישט געווען אנדערש מן הסתם, און זיי האט ער גערופן? פאר זיי האט ער צו פארדאנקען? — איך האב זיך נישט געפוילט, ערב שבת האב איך אנגעהויבן צו זוכן די פאר ספרים וואס איך האב פון חתם סופר, זוכן ווי דער בית אפרים איז, איך האב געטראפן דעם בית אפרים, און ער שרייבט דארטן, ער האט נישט גערופן די ראשי קהלה, ער האט צאמגערופן אסיפת כל בני קהילתו, אלע וואס זענען געווען דארטן, פאר די האט ער געזאגט, עטץ האטס מיך אויסגעוועלט אז איך זאל זיין ענקער רועה נאמן פאר די קהלה, איך בין ענק שולדיג אן הכרת הטוב פאר דעם וואס מען האט מיט מיר געטון, ער האט זיי אנגעוואונטשן די ברכה פון 'וזאת הברכה אשר ברך משה'.

*

**...עס** האט זיך געטוישט א תקופה, א וועלט אדורכגעגאנגען, און עס איז צוגעקומען א פרישע ציבור, מען האט פריער גערעדט, וואס אין די לעצטע צען יאר וואס מען האט געמאכט ביי אונז אין די קהלה ... וויפיל טאוולען האסטו געהאט דארטן? אכט, ניין, צען? אכט דאס איז פון וויליאמסבורג אליין, פון די ישיבה וואס אונטער וויליאמסבורג, מען האט נישט געשריבן פון ב"פ, פון מאנסי, וואס ב"ה מאנסי האט מען זייט דעמאלטס געבויט א נייע ביהמ"ד, געפענט א נייע מיידל שול, און געקויפט בנינים דערפאר, א נייע ישיבה קטנה וואס איז דא אין מאנסי, און אלעס איז פארבינדן מיט געוואלדיגע הוצאות, און ווער שטייט און העלפט אז דאס זאל זיין? דער ציבור וואס איז דא! איך מיין נישט דער ציבור נאר וואס איז דא, ווייל א גרויס חלק פון די ציבור וואס יעדער ווייסט זענען פון די גרויסע תומכים פאר אונז, זענען נישט דא דעם שבת ווייל נישט יעדער קען זיך אויסצורעכענען צו זיין אין די זעלבע צייט, אבער וואס איך זאג, מיין איך נישט נאר דער ציבור וואס איז דא, נאר דעם ציבור וואס איז נישט דא אויך.

**אין** מאנטריאל איז געווען א רב הגה"צ **רבי יעקב יצחקניימאן** זצ"ל, ער איז געווען רב אין די בעלזער קהלה. ער איז געווען זייער א קלוגער איד. איך בין א איידעם אין מאנטריאל איך האב זיך זייער אסאך געלערנט ביי אים, אין הלכות רבנות האב איך אסאך געלערנט ביי אים, ער האט מיר זייער אסאך איבערגעגעבן אין דעם פעלד.

**איינמאל** האט ער מיר געזאגט, בעפאר ער איז געווארן רב אין מונטריאל ביי די חסידים אין בעלזא, איז ער געווען רב אין מעלבורן - אוסטרליה. מעלבערן איז געווען כמעט אזא קהלה אזוי ווי וויען, מיט ראשי הקהלה מיט אלעם. זאגט ער, איך וועל אייך זאגן דעם חילוק פון מיין רבנות וואס איך האב געהאט דארטן און פון מיין רבנות וואס איך האב דא אין מאנטריאל.

**זאגט** ער מיר, עס איז געווען אויבערלענדער אידן געווען דארטן, זייער בעלי דרך ארץ געווען, ווען איך האב גערופן א איד איך וויל אים עפעס זאגן, איז ער געקומען ער האט זיך פיין צוגעמאכט זיין רעקל ער האט זיך געגומען די באָרד מיט די פיאות [אויב עס איז געווען א בארד] און ער האט עס שיין געמאכט, ער גייט יעצט אריין צום רב, ער איז אריינגעקומען ער האט זיך דריי מאל געבויגן ביז ער איז צוגעקומען צו דעם רב, און וואס וויל דער רבי? איך האב געזאגט מען דארף עפעס ערלעדיגן דאס און דאס. דער רב זאל מיר אנטשולדיגן, דאס איז זייער א שווערע ארבעט, דאס איז נישט פאר מיר, און איך קען דאס נישט, צען תירוצים פארוואס ער קען עס נישט טון. ארויסגעגאנגען אזוי ווי ער איז געקומען.

**זאגט** ער, דא בין איך רב, פון חסידישע יונגעלייט, ווען איך רוף איינעם ער זאל קומען. ער קומט אריין און פרעגט: וואס וויל דער רב? איך דארף דאס און דאס. ביז א פאר שעה וועט דער רב דאס האבן! — אן קיין ווארט.

**דאס** איז אונזער קהלה היינט! וואס אונז האבן יונגעלייט וואס שטייען צום הילף ארויסצוהעלפן מיט יעדע זאך וואס מען דארף. מען הערט נאר אז מען דארף טון, טוט מען.

**מען** האט אויסגעגעבן אין די לעצטע צען יאר, אין אונזער קהלה, קרוב צו דרייסיג מיליאן דאללער!! די מיידל שולע אליין, מיין איך קאסט איבער צוואנציג מיליאן! און דאס איז נאר איין בנין וואס מען האלט נאך אינמיטן יעצט גומר צו זיין. ב"ה עס איז נתרבה געווארן תורה. דאס איז אלעס דער זכות פון די וואס העלפן צו אז עס זאל קענען וואקסן.

**איך** האב גערעדט פון ארויסהעלפן די מיידל שולע, דאס אויפשטעלן א דור פון אידישע מאמעס וואס זיי דארפן ערציען אונזערע דורות שפעטער. אז עס איז דא ערליכע מאמעס איז דא ערליכע קינדער, און ערליכע דורות שפעטער. איך האב עס שוין אמאל דערמאנט, אז ביים הויך-שולע ביי אונז אין וויליאמסבורג איז געווען א קלאס, איינס פאר די העכסטע קלאס דעמאלטס געווען, וואס אלע מיידלעך האט קיין איינער נישט געהאט קיין טעלעפאון מיט טעקסט, פון א פשוטן טעלעפאון נאר טעקסן האבן זיי נישט געהאט! נישט אין סקול, נאר ווען מען איז ארויסגעגאנגען פון סקול, מען איז געגאנגען ארבעטן, איז ארויסגעגאנגען א גאנצע קלאס, די גאנצע קלאס איז אזוי ארויסגעגאנגען! — דאס איז דער חינוך וואס מען האט זיי געגעבן! די קלאס זענען אלע כמעט געווארן כלות, די קלאס האבן כמעט אלע אלע שוין געטון שידוכים, דער אויבערשטער באצאלט, אז מען פירט זיך ערליך באצאלט דער אויבערשטער, אז מען גייט אויפן ריכטיגן וועג טוט עס דער אויבערשטער באצאלן.

**איך** שפיר אז עס איז דא אן הכרת הטוב וואס מען דארף געבן, איז עס פאר ענק! ענק וואס עטץ טוטס צוהעלפן, וואס עטץ שטייטס מיר צו הילף אין יעדע זאך וואס מען דארף האבן, אהערצושטעלן די בנינים וואס מען האט ביז אהער צוגעשטעלט, אין יעדע מקום איז ב"ה דא געטרייע יונגעלייט וואס זוכן צו בויען תורה, און זיי גייען ארויס חוץ מגדרם כדי אז מען זאל קענען אנהאלטן בויען תורה. די רוהיגקייט וואס מען געבט מיר אז איך קען זיצן און לערנען פאר מיר, איך זאל קענען שרייבן און איך זאל קענען פארלערנען, איך זאל קענען גרייטן דרשות, דאס איז נישט מיין זכות, דאס איז אלעס ענקער זכות!

**און** איך ווארט נישט צו געבן די ברכה לפני מותו, איך וויל געבן די ברכה ווען אונז זענען אלע בחיים לאויו"ט, איך וואלט געדארפט צוגיין צו יעדן איינעם און עקסטער באגריסן, אבער די נאכט איז צו גרויס און מען וויל שוין גיין שלאפן. עס זאל זיין 'וזאת הברכה אשר ברך משה את בני ישראל' בחיים חיותו.

עטץ זענטס אלע מיינע שותפים, דער אויבערשטער זאל געבן אז דער זכות וואס מען האט אויפצושטעלן תורה זאל ענק באגלייטן, עס איז זיכער אז מען איז געקומען אהער אויף שבת און מען האט מתפלל געווען ביים הייליגן ציון פון חתם סופר און אנדערע פלעצער וואו מען איז געווען און מען האט מתפלל געווען, אז מען וועט איבערלאזן אלע פעקלעך דא, דער אויבערשטער וועט העלפן מען וועט אהיים גיין מתוך שמחה וטוב לבב אנגעפולט מיט פעקלעך פון ישועות און רפואות מיט אלעם וואס מען דארף האבן.

**איך** וויל באדאנקען פאר די עסקנים וואס האבן צוגעשטעלט דעם שבת, זיי זענען נישט נאר עסקנים פאר דעם שבת, זיי זענען עסקנים א גאנץ יאר אויף וואס מען דארף צו האבן, זאלן מיר אלע זוכה זיין אינאיינעם אקעגן צו גיין משיח צדקינו בב"א.